## תצוה ליום שני

להמשיך מת״ת דז״א יהוה - נפש, י יה יהו יהוה - רוח, יוד הא ואו הא - נשמה, יֹהֹוֹהֹ - חיה יחידה, ד דמלוי יו״ד אל שם ב״ן שבעשיה בניקוד חולם

### תורה (תצוה כח, ה-ו)

ה וְהֵם֙ יִקְח֣וּ אֶת־הַזָּהָ֔ב וְאֶת־הַתְּכֵ֖לֶת
וְאֶת־הָֽאַרְגָּמָ֑ן וְאֶת־תּוֹלַ֥עַת הַשָּׁנִ֖י וְאֶת־
הַשֵּֽׁשׁ׃ וְאִנּוּן יִסְּבוּן, יַת דַּהֲבָא, וְיַת תִּכְלָא, וְיַת
אַרְגְּוָנָא, וְיַת צְבַע זְהוֹרִי, וְיַת בּוּצָא: פ ו וְעָשׂ֖וּ
אֶת־הָאֵפֹ֑ד זָ֠הָב תְּכֵ֨לֶת וְאַרְגָּמָ֜ן תּוֹלַ֧עַת
שָׁנִ֛י וְשֵׁ֥שׁ מָשְׁזָ֖ר מַעֲשֵׂ֥ה חֹשֵֽׁב׃ וְיַעַבְדוּן

### ביאור מקרא

(ה) וְהֵם יִקְחוּ און זיי זאלן נעמען **אֶת הַזָּהָב** דעם גאלד **וְאֶת הַתְּכֵלֶת וְאֶת הָאַרְגָּמָן** און דעם בלוי וואל און דעם פערפל וואל **וְאֶת תּוֹלַעַת הַשָּׁנִי וְאֶת הַשֵּׁשׁ** און דעם וואל געפארבט רויט און דעם לינען: (ו) **וְעָשׂוּ אֶת הָאֵפֹד** און זיי זאלן מאכן דעם שירצל **זָהָב** גאלד **תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן** בלוי וואל און פערפל וואל **תּוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ** וואל געפארבט רויט און לינען **מָשְׁזָר** צוזאמגעדרייט **מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב** מייסטערישע ארבעט:

### רש״י

(ה) **והם יקחו.** אותם חכמי לב שיעשו הבגדים יקבלו מן המתנדבים את הזהב ואת התכלת לעשות מהן את הבגדים: (ו) **ועשו את האפוד.** אם באתי לפרש מעשה האפוד והחשן על סדר המקראות הרי פירושן פרקים וישגה הקורא בצרופן, לכך אני כותב מעשיהם כמות שהוא למען ירוץ הקורא בו, ואחר כך אפרש על סדר המקראות. האפוד עשוי כמין סינר של נשים רוכבות סוסים, וחוגר אותו מאחוריו כנגד לבו למטה מאציליו, רחבו כמדת רוחב גבו של אדם ויותר, ומגיע עד עקביו, והחשב מחובר בראשו על פני רחבו, מעשה אורג, ומאריך לכאן ולכאן כדי להקיף ולחגור בו, והכתפות מחוברות בחשב אחת לימין ואחת לשמאל,

### ביאור רש״י

(ה) **וְהֵם יִקְחוּ.** ווער איז ׳והם׳, זיי? זאגט רש״י **אוֹתָם חַכְמֵי לֵב שֶׁיַּעֲשׂוּ הַבְּגָדִים** די דאזיגע מענטשן מיט קלוגע הערצער וואס וועלן מאכן די קליידער, **יְקַבְּלוּ מִן הַמִּתְנַדְּבִים** זאלן נעמען פון די וועלכע האבן זיך באוויליגט צו געבן **אֶת הַזָּהָב וְאֶת הַתְּכֵלֶת** די גאלד און די בלוי וואל א.א.וו. **לַעֲשׂוֹת מֵהֶן אֶת הַבְּגָדִים** צו מאכן פון זיי די קליידער:

(ו) **וְעָשׂוּ אֶת הָאֵפוֹד. אִם בָּאתִי לְפָרֵשׁ מַעֲשֵׂה הָאֵפוֹד וְהַחֹשֶׁן** אויב איך וועל קומען ערקלערן ווי אזוי מ׳האט געמאכט דעם אפוד און דעם חושן **עַל סֵדֶר הַמִּקְרָאוֹת** אויפן סדר פון די פסוקים, **הֲרֵי פֵּירוּשָׁן** וועט זייער ערקלערונג זיין **פְּרָקִים** צעטיילט אין שטיקלעך **וְיִשְׁגֶּה הַקּוֹרֵא בְּצֵרוּפָן** און דער ליינער וועט פארגרייזט ווערן ווען ער וועט עס וועלן צוזאמשטעלן, **לְכָךְ אֲנִי כּוֹתֵב מַעֲשֵׂיהֶם כְּמוֹת שֶׁהוּא** דעריבער שרייב איך צום ערשט אראפ זייער ווערק אזויווי עס איז, אָן דעם וואס מען זאל איבערהאקן אינמיטן מיט טייטשן די פסוקים **לְמַעַן יָרוּץ הַקּוֹרֵא בּוֹ** כדי דער ליינער זאל עס קענען שנעל אדורכגיין, און אזוי ארום פארשטיין די גאנצע זאך **וְאַחַר כָּךְ אֲפָרֵשׁ עַל סֵדֶר הַמִּקְרָאוֹת** און נאכדעם וועל איך עס ערקלערן לויטן סדר פון די פסוקים, און רש״י הייבט אָן צו ערקלערן ווי פאלגנד:

**הָאֵפוֹד עָשׂוּי כְּמִין סִינָר שֶׁל נָשִׁים רוֹכְבוֹת סוּסִים** דער אפוד איז געמאכט אזויווי א שירצל פון די פרויען וועלכע רייטן אויף פערד, **וְחוֹגֵר אוֹתוֹ מֵאֲחוֹרָיו** און ער גארטלט עס אָן פון הינטער זיך **כְּנֶגֶד לִבּוֹ לְמַטָּה מֵאַצִּילָיו** אקעגן זיין הארץ אראפציר פון זיינע עלנבויגן **רָחְבּוֹ כְּמִדַּת רוֹחַב גַּבּוֹ שֶׁל אָדָם וְיוֹתֵר** זיין ברייטקייט איז אזויווי דער מאס פון די ברייטקייט פון דעם רוקן פון א מענטש און אביסל מער, **וּמַגִּיעַ עַד עֲקֵבָיו** און זיין לענג דערגרייכט ביז די פערשט פון די פיס, **וְהַחֵשֶׁב מְחוּבָּר בְּרֹאשׁוֹ עַל פְּנֵי רָחְבּוֹ** און דאס גארטל איז באהאפטן ביים אויבערשטן עק אויף זיין גאנצער ברייטקייט, **מַעֲשֵׂה אוֹרֵג** עס איז געווען א געוועבטע ארבעט, ד.מ. דער גארטל איז געווען געוועבט אינאיינעם מיטן אפוד **וּמַאֲרִיךְ לְכָאן וּלְכָאן** און ער האט פארלענגערט דאס גארטל פון דעם אפוד אויף דער זייט און אויף דער זייט **כְּדֵי לְהַקִּיף וְלַחְגּוֹר בּוֹ** כדי צו ארומרינגלען און זיך אנגארטלען דערמיט, **וְהַכְּתֵפוֹת מְחוּבָּרוֹת בַּחֵשֶׁב** און די אקסל-בענדער זענען געווען באהאפטן אינעם גארטל, **אַחַת לְיָמִין וְאַחַת לִשְׂמֹאל** איין

## תורה (תצוה כח, ו)

### יַת אֵפוֹדָא. דַהֲבָא, תִּכְלָא, וְאַרְגְוָנָא, צְבַע זְהוֹרִי, וּבוּץ שְׁזִיר. עוֹבַד אוּמַן:

### רש״י

(מרוחקות זו מזו כשיעור הבדלת כתפים) מאחורי הכהן לשני קצות רחבו של סינר, וכשזוקפן עומדות לו על שני כתפיו, והן כמין שתי רצועות עשויות ממין האפוד ארוכות כדי שיעור לזקפן אצל צוארו מכאן ומכאן, ונקפלות לפניו למטה מכתפיו מעט, ואבני השהם קבועות בהם אחת על כתף ימין ואחת על כתף שמאל, והמשבצות נתונות בראשיהם לפני כתפיו, ושתי עבותות הזהב תחובות בשתי טבעות שבחשן בשני קצות רחבו העליון אחת לימין ואחת לשמאל, ושני ראשי השרשרת [הימנית] תקועין במשבצות לימין, וכן שני ראשי השרשרת השמאלית תקועין במשבצות שבכתף שמאל, נמצא החשן תלוי במשבצות האפוד על לבו מלפניו, ועוד שתי טבעות בשני קצות החשן בתחתיתו, וכנגדם שתי טבעות בשתי כתפות האפוד מלמטה בראשו התחתון המחובר בחשב, טבעות החשן אל מול טבעות האפוד שוכבים זה על זה, ומרכסן בפתיל תכלת תחוב בטבעות האפוד והחשן, שיהא תחתית החשן דבוק לחשב האפוד, ולא יהיה נד ונבדל הולך וחוזר: **זהב תכלת וארגמן תולעת שני ושש משזר.** חמשת מינים הללו

### ביאור רש״י

אקסל-באנד אויף דער רעכטע זייט און איין אקסל-באנד אויף דער לינקער זייט (**מְרוּחָקוֹת זוֹ מִזוֹ כְּשִׁיעוּר הַבְדָּלַת כְּתֵפַיִם** אפגערוקט איינע פון די אנדערע אזוי פיל וויפיל עס איז אפגערוקט איין אקסל פון צווייטן) **מֵאֲחוֹרֵי הַכֹּהֵן** פון הינטערן כהן **לִשְׁנֵי קְצוֹת רָחְבּוֹ שֶׁל סִינָר** ביי די צוויי עקן פון דער ברייטקייט פונעם שירצל, **וּכְשֶׁזּוֹקְפָן עוֹמְדוֹת לוֹ עַל שְׁנֵי כְּתֵפָיו** און ווען ער האט זיי אויפגעשטעלט זענען זיי געשטאנען אויף אים אויף זיינע צוויי אקסלען, **וְהֵן כְּמִין שְׁתֵּי רְצוּעוֹת עֲשׂוּיוֹת מִמִּין הָאֵפוֹד** און זיי זענען אזויווי צוויי פַּאסְן וואס זענען געמאכט פון דעם זעלבן סארט ווי דער אפוד, **אֲרוּכּוֹת כְּדֵי שִׁיעוּר לְזָקְפָן** זיי זענען געווען אזוי לאנג וויפיל עס האט אויסגעפעלט זיי אויפצושטעלן **אֵצֶל צַוָּארוֹ** נעבן זיין האלז **מִכָּאן וּמִכָּאן** פון דער זייט און פון דער זייט, **וְנִקְפָּלוֹת לְפָנָיו** און וויפיל עס האט אויסגעפעלט אז זיי זאלן זיך קענען אריבערבייגן צו זיין פארנט **לְמַטָּה מִכְּתֵפָיו מְעַט** ביז אביסל נידריגער פון זיינע אקסלען **וְאַבְנֵי הַשֹּׁהַם קְבוּעוֹת בָּהֶם** און די שוהם שטיינער זענען געווען אריינגעזעצט אין די אקסל-בענדער, **אַחַת עַל כָּתֵף יָמִין** איין שטיין אויפן אקסל פון דער רעכטער זייט **וְאַחַת עַל כָּתֵף שְׂמֹאל** און איין שטיין אויפן אקסל פון דער לינקער זייט, **וְהַמִּשְׁבְּצוֹת נְתוּנוֹת בְּרָאשֵׁיהֶם** און די קעסטלעך זענען געווען געלייגטביים עק פון די שטיינער **לִפְנֵי כְתֵפָיו** פארנט פון זיינע אקסלען, ווייל די אקסל-בענדער זענען דאך געווען אריבערגעבויגן, **וּשְׁתֵּי עֲבוֹתוֹת הַזָּהָב** און די צוויי געפלאכטענע גאלדענע קייטלעך **תְּחוּבוֹת בִּשְׁתֵּי טַבָּעוֹת שֶׁבַּחֹשֶׁן** זענען געווען אריינגעשטעקט אין די רינגלעך וואס זענען געווען אויפן חושן, **בִּשְׁנֵי קְצוֹת רָחְבּוֹ הָעֶלְיוֹן** ביי די צוויי עקן פון זיין אויבערשטער ברייטקייט, **אַחַת לְיָמִין וְאַחַת לִשְׂמֹאל** איין רינגעלע אויף דער רעכטער זייט און איין רינגעלע אויף דער לינקער זייט - די קייטלעך האט מען אריינגעפירט אין דעם רינגל און ארויפגעשלעפט די צוויי עקן, אזוי האט מען געטון אויף ביידע זייטן, **וּשְׁנֵי רָאשֵׁי הַשַּׁרְשֶׁרֶת [הַיְמָנִית] תְּקוּעִים בַּמִּשְׁבְּצוֹת לְיָמִין** און די צוויי עקן פון דעם רעכטן קייטל זענען געווען אריינגעשטעקט אין די קעסטלעך וואס זענען געווען אויפן אקסל-באנד ביי דער רעכטער זייט, **וְכֵן שְׁנֵי רָאשֵׁי הַשַּׁרְשֶׁרֶת הַשְּׂמָאלִית תְּקוּעִין בַּמִּשְׁבְּצוֹת שֶׁבְּכָתֵף שְׂמֹאל** און אזוי אויך די צוויי עקן פון דעם לינקען קייטל זענען געווען אריינגעשטעקט אין די קעסטלעך פון דעם לינקען אקסל, **נִמְצָא הַחֹשֶׁן תָּלוּי בְּמִשְׁבְּצוֹת הָאֵפוֹד** קומט אויס אז דער חושן הענגט אויף די קעסטלעך פונעם אפוד **עַל לִבּוֹ מִלְּפָנָיו** אויף זיין הארץ פון זיין פארנט, **וְעוֹד שְׁתֵּי טַבָּעוֹת בִּשְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן בְּתַחְתִּיתוֹ** און נאך צוויי רינגלעך זענען געווען ביי די צוויי עקן פונעם חושן ביי זיין אונטערשטער טייל, **וּכְנֶגְדָּם שְׁתֵּי טַבָּעוֹת** און אקעגן זיי איז דא צוויי רינגלעך **בִּשְׁתֵּי כִּתְפוֹת הָאֵפוֹד** ביי די צוויי אקסל-בענדער **מִלְּמַטָּה** פון אונטן **בְּרֹאשׁוֹ הַתַּחְתּוֹן הַמְחוּבָּר בַּחֵשֶׁב** ביים אונטערשטן עק וואס איז באהאפטן אינעם גארטל פונעם אפוד **טַבְּעוֹת הַחֹשֶׁן אֶל מוּל טַבְּעוֹת הָאֵפוֹד** די רינגלעך פונעם חושן זענען געווען אקעגן די רינגלעך פונעם אפוד **שׁוֹכְבִים זֶה עַל זֶה** זיי [די רינגלעך פונעם חושן] זענען געלעגן אויף די רינגלעך פונעם אפוד, **וּמְרַכְּסָן בִּפְתִיל תְּכֵלֶת** און ער האט זיי באהאפטן מיט א פאדעם פון בלוי וואל **תָּחוּב בְּטַבְּעוֹת הָאֵפוֹד וְהַחֹשֶׁן** וואס איז געווען אריינגעשטעקט אין די רינגען פונעם אפוד און פונעם חושן, דאס איז געווען **שֶׁיְּהֵא תַּחְתִּית הַחֹשֶׁן דָּבוּק לְחֵשֶׁב הָאֵפוֹד** כדי דער אונטערשטער טייל פונעם חושן זאל זיין באהאפטן צו דעם גארטל פונעם אפוד, **וְלֹא יְהֵא נָד וְנִבְדָּל, הוֹלֵךְ וְחוֹזֵר** און עס זאל נישט זיין וואקלדיג און אפגעטיילט גייענדיג אהין און צוריק:

**זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר.** זאגט רש״י **חֲמִשָּׁה מִינִים הַלָּלוּ** די פינף סארטן - גאלד, בלוי וואל, פערפל וואל, רויט געפארבטע וואל און לינען

### ביאור מקרא

(ז) שְׁתֵּי כְתֵפֹת חֹבְרֹת צוויי אקסל-בענדער באהאפטענע יִהְיֶה לּוֹ זאל זיין צו אים **אֶל** שְׁנֵי קְצוֹתָיו צו זיינע צוויי עקן וְחֻבָּר און

### תורה (תצוה כח, ז)

ז **שְׁתֵּ֧י כְתֵפֹ֣ת חֹֽבְרֹ֗ת יִֽהְיֶה־לּ֛וֹ אֶל־שְׁנֵ֥י קְצוֹתָ֖יו וְחֻבָּֽר׃** תַּרְתֵּין כִּתְפּוֹן מְלַפְּפָן יְהוֹן לֵיהּ, עַל

### רש״י

שזורין בכל חוט וחוט. היו מרדדין את הזהב כמין טסים דקים, וקוצצין פתילים מהם, וטווין אותן חוט של זהב עם שש חוטין של תכלת, וחוט של זהב עם שש חוטין של ארגמן, וכן בתולעת שני, וכן בשש, שכל המינין חוטן כפול ששה וחוט של זהב עם כל אחד ואחד, ואחר כך שוזר את כולם כאחד, נמצא חוטן כפול עשרים ושמונה, וכן מפורש במסכת יומא (עב.), ולמד מן המקרא הזה וירקעו את פחי הזהב וקצץ פתילים לעשות בתוך התכלת ובתוך הארגמן וגו׳ (להלן לט, ג), למדנו שחוט של זהב שזור עם כל מין ומין: **מעשה חושב.** כבר פרשתי שהוא אריגת שתי קירות, שאין צורת שני עבריה דומות זו לזו: (ז) **שתי כתפות וגו׳.** הסינר מלמטה וחשב האפוד היא החגורה ומודה לו מלמעלה, דוגמת סינר הנשים, ומגבו של כהן היו מחוברות בחשב שתי חתיכות כמין שתי רצועות רחבות, אחת כנגד כל כתף וכתף, וזוקפן על שתי כתפותיו עד שנקפלות לפניו כנגד החזה, ועל ידי חבורן לטבעות החשן נאחזין מלפניו כנגד לבו שאין נופלות, כמו שמפורש בענין, והיו זקופות והולכות כנגד כתפיו,

### ביאור רש״י

- **שְׁזוּרִין בְּכָל חוּט וָחוּט** זענען געווען צוזאמגעדרייט אין יעדן איינציגן פאדעם [און דאס טייטש ׳זהב תכלת וגו׳ משזר׳, עס איז אלץ געווען צוזאמגעדרייט], **הָיוּ מְרַדְּדִין אֶת הַזָּהָב** מ׳האט אויסגעדינט דאס גאלד, עס זאל ווערן **כְּמִין טַסִּים דַּקִּים** אזעלכע סארט דינע בלעכן, **וְקוֹצְצִין פְּתִילִים מֵהֶם** און מ׳האט געשניטן פון זיי פעדימער **וְטוֹוִין אוֹתָן** און מ׳האט זיי געשפינט **חוּט שֶׁל זָהָב עִם שֵׁשׁ חוּטִין שֶׁל תְּכֵלֶת** איין פאדעם פון גאלד מיט זעקס פעדימער פון בלוי וואל, **וְחוּט שֶׁל זָהָב עִם שֵׁשׁ חוּטִין שֶׁל אַרְגָּמָן** און איין פאדעם פון גאלד מיט זעקס פעדימער פון פערפל וואל, **וְכֵן בְּתוֹלַעַת שָׁנִי** און אזוי אויך ביי די רויט געפארבטע וואל **וְכֵן בְּשֵׁשׁ** און אזוי אויך ביי די לינען, **שֶׁכָּל הַמִּינִין חוּטָן כָּפוּל שִׁשָּׁה** ווייל אלע סארטן פעדימער זענען געווען געדאפלט זעקס מאל **וְחוּט שֶׁל זָהָב עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד** און א פאדעם פון גאלד איז געווען אינאיינעם מיט יעדן איינציגן סארט פאדעם [קומט אויס אז יעדער פאדעם איז געווען זיבן מאל געדאפלט], **וְאַחַר כָּךְ שׁוֹזֵר אֶת כּוּלָּם כְּאֶחָד** און נאכדעם דרייט ער צוזאם אלע פעדימער אינאיינעם **נִמְצָא חוּטָן כָּפוּל עֶשְׂרִים וּשְׁמוֹנָה** קומט אויס אז יעדער פאדעם איז געווען געדאפלט אכט און צוואנציג מאל [ווייל פיר מאל זיבן איז אכט און צוואנציג], **וְכֵן מְפוֹרָשׁ בְּמַסֶּכֶת יוֹמָא** און אזוי שטייט ארויסגעשריבן אין מס׳ יומא (עב.) **וְלָמֵד מִן הַמִּקְרָא הַזֶּה** און די גמרא לערנט עס ארויס פון דעם פאלגנדן פסוק (להלן לט, ג) **וַיְרַקְּעוּ אֶת פַּחֵי הַזָּהָב** און מ׳האט אויסגעדינט די גאלדענע בלעכן **וְקִצֵּץ פְּתִילִים** און מ׳האט אויסגעשניטן פעדימער **לַעֲשׂוֹת** כדי ארייַנצולייגן די גאלדענע פעדימער **בְּתוֹךְ הַתְּכֵלֶת וּבְתוֹךְ הָאַרְגָּמָן וְגוֹ׳** אין די בלוי וואל און אין די פערפל וואל, **לָמַדְנוּ** לערנען מיר ארויס פון דא **שֶׁחוּט שֶׁל זָהָב** אז א פאדעם פון גאלד **שָׁזוּר עִם כָּל מִין וָמִין** איז געווען צוזאמגעדרייט מיט יעדן איינציגן סארט:

**מַעֲשֵׂה חוֹשֵׁב. כְּבָר פֵּרַשְׁתִּי** איך האב שוין מפרש געווען **שֶׁהוּא אֲרִיגַת שְׁתֵּי קִירוֹת** אז דאס איז א וועבעריי פון צוויי ווענט ד.מ. דאפלט געוועבט, **שֶׁאֵין צוּרַת שְׁנֵי עֲבָרֶיהָ דּוֹמוֹת זוֹ לָזוֹ** וואס די צורה פון זייערע צוויי זייטן זענען נישט גלייך איינס צום אנדערן, ד.מ. אויף איין זייט קען זיין א צורה פון א לייב און אויף דער אנדערער זייט א צורה פון אַן אדלער:

(ז) **שְׁתֵּי כְתֵפוֹת וְגוֹ׳. הַסִּינָר מִלְּמַטָּה** דאס שירצל איז געווען פון אונטן, **וְחֵשֶׁב הָאֵפוֹד הִיא הַחֲגוֹרָה** און דער ׳חשב האפוד׳ דאס איז דער גארטל, **וּצְמוּדָה לוֹ מִלְמַעְלָה** און דער גארטל איז באהאפטן צום אפוד פון אויבן **דּוּגְמַת סִינַר הַנָּשִׁים** ענליך צו דער שירצל פון די פרויען, **וּמִגַּבּוֹ שֶׁל כֹּהֵן** און אויפן רוקן פונעם כהן **הָיוּ מְחוּבָּרוֹת בַּחֵשֶׁב שְׁתֵּי חֲתִיכוֹת כְּמִין שְׁתֵּי רְצוּעוֹת רְחָבוֹת** זענען געווען באהאפטן צום גארטל צוויי שטיקער אזויווי צוויי ברייטע פאסן **אַחַת כְּנֶגֶד כָּל כָּתֵף וְכָתֵף** איינס אקעגן יעדן איינציגן אקסל **וְזוֹקְפָן עַל שְׁתֵּי כְתֵפוֹתָיו** און ער האט זיי אויפגעשטעלט אויף זיינע צוויי אקסלען **עַד שֶׁנִּקְפָּלוֹת** ביז ווילאנג זיי זענען אריבערגעבויגן געווארן **לְפָנָיו כְּנֶגֶד הֶחָזֶה** פארנט פון אים אקעגן דער ברוסט, **וְעַל יְדֵי חִבּוּרָן לְטַבְּעוֹת הַחֹשֶׁן** און דורכדעם וואס זיי זענען געווען באהאפטן צו די רינגלעך פון דעם חושן **נֶאֱחָזִין מִלְּפָנָיו כְּנֶגֶד לִבּוֹ שֶׁאֵין נוֹפְלוֹת** ווערן זיי אנגעכאפט פון זיין פארנט אקעגן זיין הארץ אז זיי פאלן נישט אראפ ד.מ. אז די רינגלעך פונעם חושן האלטן אָן די אקסל-בענדער, זיי זאלן נישט אראפפאלן, **כְּמוֹ שֶׁמְּפוֹרָשׁ בָּעִנְיָן** אזויווי עס איז ערקלערט ווייטער אין די פרשה **וְהָיוּ זְקוּפוֹת וְהוֹלְכוֹת** און די אקסל-בענדער זענען אויפגעשטעלט געווארן און זענען געגאנגען **כְּנֶגֶד כְּתֵפָיו** אקעגן זיינע

## תורה (תצוה כח, ז-ח)

תְּרֵין סִטְרוֹהִי, וְיִתְלַפֵּף: ח **וְחֵשֶׁב אֲפֻדָּתוֹ אֲשֶׁר עָלָיו כְּמַעֲשֵׂהוּ מִמֶּנּוּ יִהְיֶה זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר:** וְהֶמְיַן תִּקּוּנֵיהּ דִּי עֲלוֹהִי, כְּעוֹבָדֵיהּ מִנֵּיהּ יְהֵי. דַּהֲבָא, תִּכְלָא, וְאַרְגְּוָנָא, וּצְבַע זְהוֹרִי, וּבוּץ שְׁזִיר:

## ביאור מקרא

עס זאל ווערן באהאפטן: (ח) **וְחֵשֶׁב אֲפֻדָּתוֹ** און דאס גארטל פון זיין אפוד **אֲשֶׁר עָלָיו** וואס איז אויף אים **כְּמַעֲשֵׂהוּ** אזויווי זיין ארבעט [ד.מ. עס זאל אויך זיין געמאכט פון די פינף מינים און דורך א מייסטערישע ווערק אזויווי דער אפוד] **מִמֶּנּוּ** פון אים אליין [פונעם אפוד] **יִהְיֶה** זאל זיין דער גארטל **זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן** גאלד בלוי וואל און פערפל וואל **וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ** און וואל געפארבט רויט און לינען **מָשְׁזָר** צאמגעדרייט:

## רש"י

ושתי אבני שהם קבועות בהן אחת בכל אחת: **אל שני קצותיו.** אל רחבו של אפוד, שלא היה רחבו אלא כנגד גבו של כהן, וגבהו עד כנגד האצילים שקורין קודי"ש, שנאמר (יחזקאל מד, יח) לא יחגרו בַּיָּזַע, אין חוגרין במקום זיעה לא למעלה מאציליהם ולא למטה ממתניהם אלא כנגד אציליהם: **וחבר.** האפוד עם אותן שתי כתפות האפוד, יחבר אותם במחט למטה בחשב, ולא יארגם עמו אלא אורגם לבד ואחר כך מחברם: (ח) **וחשב אפדתו.** וחגור שעל ידו הוא מאפדו ומתקנהו לכהן ומקשטו: **אשר עליו.** למעלה בשפת הסינר היא החגורה: **כמעשהו.** כאריגת הסינר מעשה חושב ומחמשת מינים, כך אריגת החשב מעשה חושב ומחמשת מינים: **ממנו יהיה.** עמו יהיה ארוג, ולא יארגנו לבד ויחברנו:

## ביאור רש"י

אקסלען, **וְשְׁתֵּי אַבְנֵי שֹׁהַם** און די צוויי שוהם שטיינער **קְבוּעוֹת בָּהֶן** זענען געוועזן אריינגעזעצט אין זיי, **אַחַת בְּכָל אַחַת** איין שטיין אין יעדע אקסל-באנד:

**אֶל שְׁנֵי קְצוֹתָיו.** ביי זיינע צוויי עקן, זאגט רש"י, דאס מיינט **אֶל רָחְבּוֹ שֶׁל אֵפוֹד** ביי דער ברייטקייט פונעם אפוד, ד.מ. די צוויי עקן פון דער ברייטקייט פונעם אפוד, **שֶׁלֹּא הָיָה רָחְבּוֹ אֶלָּא כְּנֶגֶד גַּבּוֹ שֶׁל כֹּהֵן** אז זיין ברייטקייט איז נאר געווען אקעגן דעם רוקן פונעם כהן, קומט אויס אז די צוויי עקן פון דעם אפוד זענען ביידע געווען אויפן רוקן פונעם כהן **וְגָבְהוֹ עַד כְּנֶגֶד הָאַצִּילִים** און זיין הויכקייט איז געווען ביז קעגן די עלנבויגן פון די הענט **שֶׁקּוֹרִין קודי"ש** וואס מען רופט קודי"ש, **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי עס שטייט אין א פסוק [אויף די כהנים] **לֹא יַחְגְּרוּ בַּיָּזַע** ערקלערט רש"י, דאס מיינט **אֵין חוֹגְרִין בִּמְקוֹם זֵיעָה** מ'טוט נישט אנגארטלען דעם אפוד אויף א פלאץ וואו עס שוויצט, דאס הייסט **לֹא לְמַעְלָה מֵאַצִּילֵיהֶם** נישט העכער זייערע עלנבויגן **וְלֹא לְמַטָּה מִמָּתְנֵיהֶם** און נישט אונטער זייערע לענדן, **אֶלָּא כְּנֶגֶד אַצִּילֵיהֶם** נאר אקעגן זייערע עלנבויגן:

**וְחֻבָּר. הָאֵפוֹד עִם אוֹתָן שְׁתֵּי כִתְפוֹת הָאֵפוֹד** דעם אפוד מיט אט די צוויי אקסל-בענדער [וואס דער פסוק רעדט פון זיי פריער אין דעם זעלבן פסוק] **יְחַבֵּר אוֹתָם בְּמַחַט לְמַטָּה** זאל ער זיי באהעפטן מיט א נאדל, ד.מ. דורכן נייען אונטן **בַּחֵשֶׁב** מיט דעם גארטל, **וְלֹא יַאַרְגֵם עִמּוֹ** און ער זאל זיי נישט צוזאמוועבן צוזאמען מיט דעם גארטל **אֶלָּא אוֹרְגָם לְבַד** נאר ער וועבט זיי באזונדער **וְאַחַר כָּךְ מְחַבְּרָם** און נאכדעם טוט ער זיי באהעפטן:

(ח) **וְחֵשֶׁב אֲפֻדָּתוֹ. וַחֲגוֹר** און דאס גארטל, **שֶׁעַל יָדוֹ** וואס דורך דעם גארטל קען זיך דער אפוד האלטן, און אזוי **הוּא מְאַפְּדוֹ וּמְתַקְּנֵהוּ לַכֹּהֵן** טוט דער אפוד אים באקליידן און ער טוט צורעכט מאכן דעם כהן **וּמְקַשְּׁטוֹ** און ער טוט אים באצירן מיט דעם אפוד [רש"י וויל זאגן אז 'אפודתו' מיינט נישט א שם דבר, זיין אפוד, נאר עס מיינט א פעולה, זיין באצירונג]:

**אֲשֶׁר עָלָיו.** וואס איז אויף אים [דאס גייט נישט ארויף אויפן כהן, נאר אויפן אפוד] **לְמַעְלָה בִּשְׂפַת הַסִּינָר** אויבן ביים זוים פונעם שירצל **הִיא הַחֲגוֹרָה** דאס איז דאס גארטל:

**כְּמַעֲשֵׂהוּ. כַּאֲרִיגַת הַסִּינָר מַעֲשֵׂה חוֹשֵׁב** אזויווי דאס וועבונג פון דעם שירצל וואס איז געווען א ווערק פון א וועב-מייסטער [ד.מ. אז עס איז געווען געוועבט דאפלט, פון איין זייט איין צורה און פון דער אנדערער זייט אַן אנדערע צורה] **וּמֵחֲמֵשֶׁת מִינִים** און פון די פינף סארטן פעדימער, **כָּךְ אֲרִיגַת הַחֵשֶׁב** אזוי האט מען אויך געוועבט דעם גארטל **מַעֲשֵׂה חוֹשֵׁב וּמֵחֲמֵשֶׁת מִינִים** א וועב-מייסטער ווערק און פון די פינף סארטן פעדימער:

**מִמֶּנּוּ יִהְיֶה. עִמּוֹ יִהְיֶה אָרוּג** צוזאמען מיטן אפוד זאל ער זיין געוועבט **וְלֹא יַאַרְגֶנּוּ לְבַד וִיחַבְּרֶנּוּ** און ער זאל עס נישט וועבן באזונדער און עס נאכדעם באהעפטן [אזוי ווי ער האט געטון ביי די אקסל-בענדער]:

## נביאים

להמשיך מנ"ה דז"א צבאות - נפש, צ צב צבא צבאו צבאות - רוח, יהוה - נשמה דנצח, אדני - נשמה דהוד, יְהֹוִה - חיה יחידה דנצח, יֱהֱוֱהֱ - חיה יחידה דהוד, אל שם ב"ן שבעשיה

### נביאים (יחזקאל מג טז-יט)

טז (והראאיל) וְהָאֲרִיאֵל שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה אֹרֶךְ בִּשְׁתֵּים
עֶשְׂרֵה רֹחַב רָבוּעַ אֶל אַרְבַּעַת רְבָעָיו: וּמַדְבְּחָא
תַּרְתָּא עַסְרֵי אוּרְכָּא בְּתַרְתָּא עַסְרֵי פּוּתְיָא מְרַבַּע עַל אַרְבְּעָא
סִטְרוֹהִי: יז וְהָעֲזָרָה אַרְבַּע עֶשְׂרֵה אֹרֶךְ בְּאַרְבַּע
עֶשְׂרֵה רֹחַב אֶל אַרְבַּעַת רְבָעֶיהָ וְהַגְּבוּל סָבִיב
אוֹתָהּ חֲצִי הָאַמָּה וְהַחֵיק-לָהּ אַמָּה סָבִיב
וּמַעֲלֹתֵהוּ פְּנוֹת קָדִים: וּמְסַמְתָא אַרְבַּע עַסְרֵי אוּרְכָּא
בְּאַרְבַּע עַסְרֵי פּוּתְיָא עַל אַרְבַּע סִטְרָהָא וּגְדַנְפָּא מַקַּף לָהּ סְחוֹר
סְחוֹר פַּלְגוּת אַמְּתָא וְתַשְׁוִיתָא לָהּ אַמְּתָא סְחוֹר סְחוֹר וְדַרְגָּן
דְּסָלְקִין לָהּ מִתְפְּנָן לְמַדִּינְחָא: יח וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן-אָדָם
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה אֵלֶּה חֻקּוֹת הַמִּזְבֵּחַ בְּיוֹם
הֵעָשׂוֹתוֹ לְהַעֲלוֹת עָלָיו עוֹלָה וְלִזְרֹק עָלָיו דָּם:
וַאֲמַר לִי בַּר אָדָם כִּדְנַן אֲמַר יְיָ אֱלֹהִים אִלֵּין גְּזֵירַת
מַדְבְּחָא בְּיוֹם אִתְעֲבָדוּתֵיהּ לְאַסָּקָא עֲלוֹהִי עֲלָתָא וּלְמִזְרַק
עֲלוֹהִי דָּם נִכְסַת קוּדְשַׁיָּא: יט וְנָתַתָּה אֶל-הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם

### רש"י

(טז) **והאריאל שתים עשרה אורך.** מקום המערכה היה עשרים וארבע על עשרים וארבע, וזהו שתים עזרה בשתים עשרה: **אל ארבעת רבעיו.** שמאמצעיתו הוא מודד שתים עשרה לכל רוח, הרי עשרים וארבע על עשרים וארבע, כך מפורש בזבחים (נט:). וכן שנינו במסכת מדות (פ"ג מ"א) המזבח היה שלשים ושתים על שלשים ושתים, עלה אמה וכנס אמה זה היסוד, נמצא שלשים על שלשים, עלה חמש וכנס אמה זה הסובב, נמצא עשרים ושמונה על עשרים ושמונה, מקום הקרנות אמה מזה ואמה מזה, נמצא עשרים ושש על עשרים ושש, מקום הילוך רגלי הכהנים אמה מזה ואמה מזה, נמצא עשרים וארבע על עשרים וארבע מקום המערכה: (יז) **והעזרה ארבע עשרה אורך.** גג המזבח עם מקום הקרנות ועם מקום רגלי הכהנים עשרים ושמונה על עשרים ושמונה, וארבע עשרה האמורים כאן מאמצעיתו מודד כמו שמפורש על ארבעת רבעיה (ראה זבחים נט:): **והגבול סביב אותה.** יונתן תרגם וגדנפא. ורבותינו (מנחות צז:) פרשוהו על הקרנות: **חצי האמה.** מאמצעיתו מודד נמצא אמה על אמה: **והחיק לה אמה.** זו כניסת היסוד: **ומעלתהו פנות קדים.** וכבש שעולים בו היה בדרום כדי שיהא העולה בו פונה למזרח, שכל הפינות היו דרך ימין, וכשאתה נותן הכבש בדרום, העולה בו ופונה דרך ימין פונה למזרח (זבחים סב:): (יט) **הכהנים**

### ביאור מקרא

(טז) **וְהָאֲרִאֵיל שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה אֹרֶךְ בִּשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה רֹחַב.** און דער דאך פון דעם מזבח איז געווען צוועלף איילן לאנג און צוועלף איילן ברייט. **רָבוּעַ.** פיר קאנטיג. **אֶל אַרְבַּעַת רְבָעָיו.** אויף אלע זיינע פיר זייטן איז ער געווען צוועלף איילן לאנג און צוועלף איילן ברייט [קומט אויס פיר און צוואנציג איילן אויף פיר און צוואנציג איילן, דאס איז געווען דער ארט פון די מערכה, וואס דער פייער מיט די קרבנות איז געלעגן דערויף]:

(יז) **וְהָעֲזָרָה אַרְבַּע עֶשְׂרֵה אֹרֶךְ בְּאַרְבַּע עֶשְׂרֵה רֹחַב.** און די עזרה - דער דאך פון מזבח מיטן ארט פון די קרנות און מיטן ליידיגן אייל, וואו די כהנים זענען געגאנגען, איז געווען פערצן איילן לאנג אויף פערצן איילן ברייט - פון אינמיטן. **אֶל אַרְבַּעַת רְבָעֶיהָ.** אויף אלע אירע פיר זייטן [ממילא איז דער מזבח געווען אכט און צוואנציג איילן אויף אכט און צוואנציג איילן]. **וְהַגְּבוּל סָבִיב אוֹתָהּ חֲצִי הָאַמָּה.** און די קרנות וואס איז אויפן גבול איז געווען ארום און ארום - אויף די פיר ווינקלען א האלבע אייל לאנג און א האלבע אייל ברייט, פון אינמיטן אויף אלע פיר זייטן. **וְהַחֵיק לָהּ אַמָּה סָבִיב.** און דער יסוד פון דער עזרה איז געווען איין אייל ארויסגעשטעקט ארום און ארום. **וּמַעֲלֹתֵהוּ פְּנוֹת קָדִים.** און דער ארויפגאנג פון מזבח [די דריי כבשים] זענען געגעבן געווארן אויף דרום זייט, כדי דער וואס גייט ארויף, זאל קערן זיין פנים צו מזרח זייט:

(יח) **וַיֹּאמֶר אֵלַי.** און דער מלאך האט געזאגט צו מיר. **בֶּן אָדָם כֹּה אָמַר ה' אֱלֹהִ'.** בן אדם, אזוי האט געזאגט השי"ת - דער באשעפער. **אֵלֶּה חֻקּוֹת הַמִּזְבֵּחַ בְּיוֹם הֵעָשׂוֹתוֹ.** דאס זענען די געזעצן פון מזבח צו זיין באנייאונג, אין דעם טאג וואס ער וועט געמאכט ווערן. **לְהַעֲלוֹת עָלָיו עוֹלָה וְלִזְרֹק עָלָיו דָּם.** ער זאל זיין ראוי ארויפצוברענגען אויף אים קרבנות עולה, און שפריצן אויף אים בלוט:

(יט) **וְנָתַתָּה אֶל הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם.** און דו זאלסט געבן צו

## נביאים (יחזקאל מג טז-יט)

אֲשֶׁר הֵם מִזֶּרַע צָדוֹק הַקְּרֹבִים אֵלַי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה לְשָׁרְתֵנִי פַּר בֶּן־בָּקָר לְחַטָּאת׃ וְתִתֵּן לְכַהֲנַיָּא לֵיוָאֵי דִּי אִנּוּן מִזַּרְעָא דְּצָדוֹק דְּקָרִיבִין לְפוּלְחָנִי אֲמַר יְיָ אֱלֹהִים לְשַׁמָּשָׁא קֳדָמַי תּוֹר בַּר תּוֹרֵי לְחַטָּאתָא׃

### רש"י

**הלוים.** אשר משבט לוי: **מזרע צדוק.** לפי שהיה כהן גדול ששימש ראשון במקדש בימי שלמה (ראה דה"י א' כט כב) נקראו על שמו:

### ביאור מקרא

די כהנים וואס קומען ארויס פון שבט לוי. **אֲשֶׁר הֵם מִזֶּרַע צָדוֹק.** וואס זיי זענען פון די קינדער פון צדוק הכהן [ער איז געווען דער ערשטער כהן אין בית המקדש פון שלמה המלך, דערפאר ווערן זיי גערופן אויף זיין נאמען]. **הַקְּרֹבִים אֵלַי נְאֻם ה' אֱלֹה' לְשָׁרְתֵנִי.** די וואס זענען נאנט מיר צו באדינען - זאגט השי"ת - דער באשעפער. **פַּר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת.** זאלסטו געבן א יונגער רינדער, פאר א קרבן חטאת:

## כתובים

להמשיך מיסוד ומלכות דז"א שין דלת יוד - נפש, שין שין דלת שין דלת יוד - רוח, יאהדונהי - נשמה דיסוד, **א אד אדנ אדני** - נפש, אדני - רוח, **אלף דלת נון יוד** - נשמה דמלכות, יו הו וו הו - חיה יחידה דיסוד, יְהֹוָה - חיה יחידה דמלכות, אל שם ב"ן שבעשיה

## כתובים (משלי יז כח – יח ג)

כח גַּם אֱוִיל מַחֲרִישׁ חָכָם יֵחָשֵׁב אֹטֵם שְׂפָתָיו
נָבוֹן׃ וְאַף שַׁטְיָא דְּשָׁתֵק חַכִּימָא הוּא מִתְחַשֵּׁב וּדְכָלֵי שִׂפְוָתֵיהּ
מִתְבַּיַּן׃ יח א לְתַאֲוָה יְבַקֵּשׁ נִפְרָד בְּכָל־תּוּשִׁיָּה
יִתְגַּלָּע׃ רִגְתָּא בָּעֵי פָּהְיָה וּבְכָל מַלְכָנָא מִצְטְדֵי׃ ב לֹא־יַחְפֹּץ
כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם־בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ׃ לָא צָבֵי
סִכְלָא בְּסוּכְלְתָנָא אֶלָּא בְּשַׁטְיוּתָא פָּחֵי לִבֵּיהּ׃ ג בְּבוֹא־רָשָׁע
בָּא גַם־בּוּז וְעִם־קָלוֹן חֶרְפָּה׃ כַּד אָתֵי רַשִׁיעָא
בְּשַׁטְיוּתָא יֵיתֵי וּבְצַעֲרָא וּבְחִסּוּדָא׃

### רש"י

יח (א) **לתאוה יבקש נפרד.** מי שהוא נפרד מהקדוש ברוך הוא שלא לשמור מצותיו, לתאות לבו ויצרו הרע הוא רודף, וסוף: **בכל תושיה יתגלע.** בין חכמים תגלה חרפתו. ורבותינו דרשוהו (נזיר כג:) בלוט שנפרד מאברהם על תאות לבו, שנאמר (בראשית יג יא) ויבחר לו לוט את כל ככר הירדן, כל המקרא הזה על שם ניאוף נאמר, וסופו נתגלה קלונו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, לא יבא עמוני ומואבי (דברים כג ד) (נזיר כג.-:): (ב) **כי אם בהתגלות לבו.** 'כי אם בגילוי לבו' הוא חפץ לגלות מה שבלבו: (ג) **ועם קלון.** תבוא חרפה, מי שבוחר בקלון וניאוף, חרפה היא לו:

### ביאור מקרא

**דער** סוף פון דעם וואס טוט זיך אפשיידן פון הקב"ה וועט זיין אז זיין שאנדע וועט ווערן אנטפלעקט אין דער עפנטליכקייט צווישן די חכמים. דער נאַר וויל נישט לערנען פארשטאנד פון אנדערע, נאר ער וויל זיך בארימען מיט דעם וואס ער האט אין זיין הארצן. די שאנדע פון די אויסגעלאסענע רשעים.

(כח) **גַּם אֱוִיל מַחֲרִישׁ חָכָם יֵחָשֵׁב.** אפלו א נאר וואס שווייגט, ווערט גערעכנט פאר א קלוגער. **אֹטֵם שְׂפָתָיו נָבוֹן.** ווער עס פארשטאפט זיינע ליפן [פון צו רעדן פיל] - דער איז א פארשטאנדיגער.

**יח** (א) **לְתַאֲוָה יְבַקֵּשׁ נִפְרָד.** דער וואס שיידט זיך אפ פון הקדוש ברוך הוא, דער זוכט נאכצוגיין די גלוסטונגען פון זיין הארץ. **בְּכָל תּוּשִׁיָּה יִתְגַּלָּע.** אין יעדן ארט וואו מען לערנט תורה וועט אנטפלעקט ווערן זיין שאנד:

(ב) **לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה.** דער נאר באגערט נישט צו מערן פארשטאנדיגקייט. **כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ.** נאר צו אנטפלעקן די ביסל חכמה פון זיין הארץ [און זיך גרויסן דערמיט]:

(ג) **בְּבוֹא רָשָׁע בָּא גַם בּוּז.** ווען עס קומט דער רשע, קומט אויך מיט שאנד. **וְעִם קָלוֹן חֶרְפָּה.** און מיט איינעם וואס טוט שענדליכע מעשים - קומט מיט א שאנד:

## משנה

כלי אמצעי דגבורה דמלכות דיצירה אלהים

רבינו עובדיה **משנה** (שבת פרק כ) מברטנורא

**א** רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, תּוֹלִין אֶת הַמְשַׁמֶּרֶת בְּיוֹם טוֹב, וְנוֹתְנִין לַתְּלוּיָה בַּשַּׁבָּת. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים, אֵין תּוֹלִין אֶת הַמְשַׁמֶּרֶת בְּיוֹם טוֹב, וְאֵין נוֹתְנִין לַתְּלוּיָה בַּשַּׁבָּת, אֲבָל נוֹתְנִין לַתְּלוּיָה בְּיוֹם טוֹב: **ב** נוֹתְנִין מַיִם עַל גַּבֵּי הַשְּׁמָרִים בִּשְׁבִיל שֶׁיִּצֹּלוּ, וּמְסַנְּנִין אֶת הַיַּיִן בְּסוּדָרִין וּבִכְפִיפָה מִצְרִית,

**(א) רבי אליעזר אומר תולין את המשמרת.** שמסננים בה שמרי יין, ומותח את פיה לכל צד בעיגול ונעשה כאהל על חלל הכלי. ואע״ג דעביד אהל, שרי ביום טוב, דסבירא ליה לרבי אליעזר מכשירי אוכל נפש שאפשר לעשותן מערב יום טוב מותר לעשותן ביום טוב. אבל בשבת [תולה] לכתחלה לא, אבל אם תלויה היא, נותנין לתוכה שמרים ומסננין, דאין דרך בורר בכך: **אין תולין את המשמרת.** דעביד אהל ערלאי ומחזי כמעשה חול: **ואין נותנים לתלויה בשבת.** דהוי תולדת בורר או מרקד. והלכה כחכמים: **(ב) נותנים מים.** בשבת על גבי שמרים הנתונים במשמרת מבעוד יום כדי שיצלו, שיהיו השמרים צלולים ויזוב כל יינם. פירוש אחר, על גבי שמרים שנשארו בחבית, וקולטין המים טעם היין, ומוליאין אותן בשבת ושותין אותן, ואין בזה משום בורר: **את היין.** מפני הקמחים לבנים שמתהוים בו: **בסודרין.** המיוחדין לכך, וליכא למיגזר דלמא סחיט להו, הואיל ועשויין למלאכה זו. והוא שלא יעשה בידו בסודר כמין גומא בפי הכלי כדי שירד היין במדרון, שלא יעשה כדרך שהוא עושה בחול: **ובכפיפה מצרית.** סל העשוי מנורי הדקל. והוא שלא תהיה הכפיפה גבוהה

### ביאור משנה

#### משנה א

**רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר**, רבי אליעזר זאָגט **תּוֹלִין** מען מעג אויפהענגען [אַרויפלייגן, אויף אַ גלאָז אָדער אַן אנדערע כלי] **אֶת הַמְשַׁמֶּרֶת** דעם דורכזייער. **בְּיוֹם טוֹב**, אין יום טוב, – "משמרת" הייסט אַ דורכזייער, וועלכע מען לייגט אַרויף אויף אַ גלאָז אָדער אַן אַנדערע כלי, און מען גיסט אַריין ווין וואָס עס איז דאָ דערין זאַץ, און עס רינט אַראָפּ אין גלאָז ריינע ווין און די זאַץ פון די ווין בלייבט אויפן דורכזייער. זאָגט רבי אליעזר אַז מען מעג אַרויפלייגן אויף דעם גלאָז דעם דורכזייער אין יום טוב, און כאָטש עס זעט דאָך אויס ווי עס ווערט געמאַכט אַ "אוהל, אַ געצעלט" (ווי אַ דעכל איבער דעם גלאָז), פונדעסטוועגן מעג מען, ווייל אַלעס וואָס העלפט מאַכן מאכלים-עסנוואַרג פאַרן מענטש מעג מען טון אין יום טוב. **וְנוֹתְנִין לַתְּלוּיָה** און מען מעג אַריינגיסן [וויין] דורך אַ הענגעדיגן [דורכזייער], **בַּשַּׁבָּת**. אין שבת. – אויפהענגען דעם דורכזייער אין שבת טאָר מען נישט, ווייל דאָס הייסט ווי געמאַכט אַן אוהל. אָבער אויב דער דורכזייער איז שוין געווען אויף דעם גלאָז פון פאַר שבת, מעג מען אַריינגיסן דערין ווין. דאָס הייסט נישט ווי "בורר, אויסקלויבן" די שלעכטע פון די גוטע, ווייל דאָס איז נישט דער סדר פון קלויבן. **וַחֲכָמִים אוֹמְרִים**, און די חכמים זאָגן, **אֵין תּוֹלִין** מען טאָר נישט אויפהענגען **אֶת הַמְשַׁמֶּרֶת** דעם דורכזייער **בְּיוֹם טוֹב**, אין יום טוב, **וְאֵין נוֹתְנִין לַתְּלוּיָה** און מען טאָר נישט אַריינגיסן אין אַ הענגעדיגן [דורכזייער] **בַּשַּׁבָּת**, אין שבת, **אֲבָל נוֹתְנִין לַתְּלוּיָה** אָבער מען מעג אַריינגיסן אין אַ הענגעדיגן [דורכזייער] **בְּיוֹם טוֹב**. אין יום טוב. – די חכמים האַלטן, אַז מען טאָר נישט אויפהענגען דעם דורכזייער אין יום טוב אפילו צו מאַכן מאכלים פאַרן מענטש, ווייל ער מאַכט דערמיט אַ "אוהל עראי". און שבת טאָר מען נישט אַריינגיסן און דעם דורכזייער ווייל זיי האַלטן אַז דאָס איז ווי "בורר, אויסקלויבן":

#### משנה ב

**נוֹתְנִין מַיִם** מען מעג אַרויפגיסן וואַסער **עַל גַּבֵּי הַשְּׁמָרִים** אויף די [ווייַן] זאַץ, **בִּשְׁבִיל שֶׁיִּצֹּלוּ**, כדי זיי זאָלן ווערן לויטער. – איין פשט איז, מען מעג אַרויפגיסן וואַסער אויף ווייַן-זאַץ וואָס געפינט זיך אין דעם דורכזייער, כדי די זאַץ זאָל ווערן לויטער, קלאָרער, און עס זאָל פון זיי אַרויסרינען די רעשטלעך ווייַן. נאָך אַ פשט, מען מעג אַרויפגיסן וואַסער אויף ווייַן-זאַץ וועלכע געפינט זיך אין אַ פאַס, כדי די וואַסער זאָל אַריינעמען אין זיך דעם טעם פון ווייַן, און שפּעטער נעמט מען עס אַרויס צום טרינקען. דאָס מעג מען טון, און עס הייסט נישט "בורר". **וּמְסַנְּנִין אֶת הַיַּיִן** און מען מעג [אין שבת] דורכזייען [נישט ריינע] ווייַן **בְּסוּדָרִין** דורך טיכלעך **וּבִכְפִיפָה מִצְרִית**, אָדער דורך אַ געפלאָכטענע קויש. – מען מעג ניצן טיכלעך וועלכע זענען געמאַכט דורכצוזייען ווייַן, ווייל מיר האָבן נישט מורא אַז ער וועט קומען אויסקוועטשן די טיכלעך (וואָס דאָס איז אסור וועגן "סחיטה, אויסקוועטשן") ווייל די טיכל איז אויף דעם געמאכט.

רבינו עובדיה **משנה** (שבת פרק כ) מברטנורא

**וְנוֹתְנִין בֵּיצָה בְּמְסַנֶּנֶת שֶׁל חַרְדָּל, וְעוֹשִׂין אֲנוּמְלִין בַּשַּׁבָּת. רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר, בַּשַּׁבָּת, בְּכוֹס, בְּיוֹם טוֹב, בְּלָגִין, וּבַמּוֹעֵד, בְּחָבִית. רַבִּי צָדוֹק אוֹמֵר, הַכֹּל לְפִי הָאוֹרְחִין: ג אֵין שׁוֹרִין אֶת הַחִלְתִּית בְּפוֹשְׁרִין, אֲבָל נוֹתֵן לְתוֹךְ הַחֹמֶץ. וְאֵין שׁוֹרִין אֶת הַכַּרְשִׁינִין וְלֹא שָׁפִין אוֹתָן, אֲבָל נוֹתֵן לְתוֹךְ הַכְּבָרָה אוֹ לְתוֹךְ הַכַּלְכָּלָה. אֵין כּוֹבְרִין**

מקרקעית הכלי התחתון טפח, שלא יעשה אהל עראי: **ונותנין ביצה במסננת**. שנתנו בה חרדל להסתנן, שרגילין ליתן בילה טרופה בדברים העכורין והם מתלבנים ומזדככים על ידה: **ינומולין**. יין ודבש ופלפלין: **לגין**. גדול מכוס וקטן מחבית: **הכל לפי האורחים**. אם יש לו אורחין מרובין עושה הרבה בין בשבת בין ביום טוב בין במועד. והלכה כתנא קמא שעושין ינומולין בשבת כפי מה שהן רוצים: **(ג) חלתית**. כך שמה בערבי, והיא חמה ונוהגין לאכלה במקומות הקרים. ואין שורין אותה בשבת, דמיחזי כמעשה חול: **את הכרשינין**. מציף עליהם מים בכלי לברור פסולתן, שהפסולת צף למעלה: **ולא שפין אותן**. ביד להסיר פסולתן, דהוה ליה בורר: **אבל נותן בתוך הכברה**. ואע"פ שפסולתן נופל לפעמים דרך נקבי הכברה ונמצא מתברר מאליו:

**ביאור משנה**

ער טאָר אָבער נישט מאַכן אין דעם טיכל אַזויווי אַ לעכל ביי די עפענונג פון די כלי אַז דער ווין זאָל אַריינגיין שיף. די גמרא זאָגט, אַז מען מוז אַכטונג געבן, אַז דער געפלאָכטענער קויש זאָל זיין נידריגער פון אַ טפח צו די אונטער פלאַך פון די כלי אין וועלכע די ווין רינט אַריין, כדי עס זאָל נישט זיין ווי געמאַכט אַן אוהל (ווייניגער פון אַ טפח הייסט נישט קיין געצעלט). די משנה רעדט דאָ פון ווין וואָס האָט אַביסל זאַץ, אָבער עס קען געטרינקען ווערן אַזויווי עס איז. "מִצְרִית" מיינט אַ קויש וואָס איז געפלאָכטן פון די שאָלאַכץ פון אַ טייטל בוים. **וְנוֹתְנִין בֵּיצָה** און מעג מעג אַריינלייגן [אין שבת] אַן איי **בִּמְסַנֶּנֶת שֶׁל חַרְדָּל**, אין אַ דורכזייער פון חרדל, – מען פלעגט צולייגן אַ צעקלאַפּטע איי וואָס דאָס ציט אַריין אין זיך די שמוץ פון דעם חרדל, און מען מעג עס טון אין שבת. ("משמרת" קומט פון דעם וואָרט "שמרים" וואָס דערמיט זייט מען דורך די ווין. "מסננת" הייסט אַ דורכזייער פאַר אַנדערע זאַכן). **וְעוֹשִׂין אֲנוּמְלִין** און מען מעג מאַכן האָניג־ווין **בַּשַּׁבָּת**. אין שבת. – מען פלעגט צוזאַם מישן ווין מיט האָניג און געווירצן. זאָגט דער תנא קמא אַז מען מעג דאָס צוזאַמען מישן אין שבת, אפילו מער ווי ער דאַרף האָבן אויף שבת. **רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר**, רבי יהודה זאָגט, **בַּשַּׁבָּת**, אין שבת [מעג מען דעם האָניג־ווין מאַכן] **בְּכוֹס**, אין אַ בעכער, **בְּיוֹם טוֹב**, אין יום טוב [מעג מען] **בְּלָגִין**, אין אַ קרוג, **וּבַמּוֹעֵד**, און אין חול המועד [מעג מען] **בְּחָבִית**. אין אַ פאַס. – דער טעם איז, ווייל אין שבת און יום טוב טאָר מען נישט טון אַ זאַך, וואָס מען דאַרף דערצו אַ גרויסע טירחא, און ווייל שבת איז האַרבער פון יום טוב, מעג מען די האָניג-ווין מאַכן נאָר וויפיל עס גייט אַריין אין אַ בעכער, און אין יום טוב מעג מען שוין מער וויפיל עס גייט אַריין אין אַ קרוג, אָבער חול המועד מעג מען אפילו וויפיל עס גייט אַריין אין אַ פאַס. **רַבִּי צָדוֹק אוֹמֵר**, רבי צדוק זאָגט, **הַכֹּל לְפִי הָאוֹרְחִין**. אַלעס [מעג מען] לויט [דעם צאָל פון] די געסט. – אויב ער האָט אַסאַך געסט, צום עסן, מעג מען מאַכן מער האָניג-ווין, סיי אין שבת, סיי אין יום טוב, און סיי אין חול המועד:

**משנה ג**

**אֵין שׁוֹרִין** מען טאָר נישט ווייקן [אין שבת] **אֶת הַחִלְתִּית** דעם חלתית־גראָז די גמרא זאָגט אַז דאָס איז אַ מין גראָז, וואָס עס איז גוט פאַר האַרץ-קראַנקהייט. **בְּפוֹשְׁרִין**, אין לווילעך וואַסער, **אֲבָל נוֹתֵן לְתוֹךְ הַחֹמֶץ**. אָבער מען מעג דאָס אַריינלייגן אין עסיג. – ווייקן אין וואַסער טאָר מען נישט אין שבת, ווייל עס איז ווי אַ "עובדא דחול" (מען טוט אַזוי אינדערוואָכן, פאַר אַ רפואה), אָבער אַריינלייגן אין עסיג מעג מען, ווייל געווענליך טוט מען עס נישט אַריינלייגן אין עסיג, נאָר ווען מען וויל איינטינקען אין דעם דאָס עסן. **וְאֵין שׁוֹרִין אֶת הַכַּרְשִׁינִין** און מען טאָר נישט ווייקן די כַּרְשִׁינִין – אַ מין געוואוקס, וואָס עס ווערט געגעסן מערסטנס דורך בהמות, און עס איז בעסער צום עסן ווען מען נעמט אַרויס די פסולת דורך ווייקן אין וואַסער, און די פסולת שווימט אַרויף אויף די וואַסער, אָדער מען נעמט אַראָפּ די פסולת דורכן רייבן. **וְלֹא שָׁפִין אוֹתָן**, און מען טאָר זיי נישט רייבן [מיט די האַנט, אַראָפּצונעמען די שאָלאַכץ], **אֲבָל נוֹתֵן** אָבער מען מעג זיי אַריינלייגן **לְתוֹךְ הַכְּבָרָה** אין אַ זיפּ **אוֹ לְתוֹךְ הַכַּלְכָּלָה**. אָדער אין אַ קויש. – ווייקן און רייבן טאָר מען נישט אין שבת, אָבער אַריינלייגן אין אַ זיפּ אָדער אין אַ געלעכערטן קויש ווי די פסולת קען אַליין אַרויספאַלן מעג מען יאָ. **אֵין כּוֹבְרִין** מען טאָר נישט

רבינו עובדיה **משנה** (שבת פרק כ) מברטנורא

אֶת הַתֶּבֶן בַּכְּבָרָה, וְלֹא יִתְּנֶנּוּ עַל גַּבֵּי מָקוֹם גָּבוֹהַּ בִּשְׁבִיל שֶׁיֵּרֵד הַמּוֹץ, אֲבָל נוֹטֵל הוּא בַּכְּבָרָה וְנוֹתֵן לְתוֹךְ הָאֵבוּס: **ד** גּוֹרְפִין מִלִּפְנֵי הַפְּטָם, וּמְסַלְּקִין לַצְּדָדִין מִפְּנֵי הָרְעִי, דִּבְרֵי רַבִּי דוֹסָא. וַחֲכָמִים אוֹסְרִין. נוֹטְלִין מִלִּפְנֵי בְהֵמָה זוֹ וְנוֹתְנִין לִפְנֵי בְהֵמָה זוֹ בַּשַּׁבָּת: **ה** הַקַּשׁ שֶׁעַל גַּבֵּי הַמִּטָּה, לֹא יְנַעְנְעֶנּוּ בְּיָדוֹ, אֶלָּא מְנַעְנְעוֹ בְּגוּפוֹ.

**התבן.** שהיו עושים מן הקש שמחתכין אותו במוריגים ונעשה כל זנב השבלים תבן: **מוץ.** הוא מוקן השבולת העליון ואינו ראוי למאכל בהמה וכוברין אותו בכברה שיפול המוץ: **אבל נוטל בכברה ונותן לתוך האבוס.** ואע״פ שהמוץ נופל מאליו, דדבר שאינו מתכוין מותר כרבי שמעון: **(ד) גורפין.** בשבת אבוס שלפני השור שמפטמים אותו, שלא יתערב העפרורית שבאבוס בתבן ובשעורים שנותנים לפניו ויקוץ במאכלו. ומסלקין תבן שלפניו לצדדים כשהוא רב, כדי שלא ידרסנו ברגליו ויתלכלך ברעי: **וחכמים אוסרים.** אתרוייהו קאי, אחד גריפת האבוס ואחד תבן שלפניו לא יסלקנו לצדדים. ולא נחלקו רבי דוסא וחכמים אלא באבוס של כלי, אבל באבוס של קרקע הכל מודים שאין גורפים, דלמא אתי לאשווי גומות. ורבנן גזרו אבוס של כלי אטו אבוס של קרקע. והלכה כחכמים: **נוטלים מלפני בהמה זו ונותנים לפני זו.** ולא אמרינן טלטול דלא חזי הוי, אלא ודאי חזי, דאין בהמה קצה במאכל הניטל מלפני חברתה. ודוקא מלפני החמור ונותנים לפני השור וכיוצא בזה, אבל לא מלפני השור ונותנים לפני החמור, שמאכל השור מאוס בריריו היוצאים מפיו ואין החמור אוכל ממנו: **(ה) הקש שעל המטה.** סתמא להסקה ומוקצה הוא, ובא לשכב עליו ומנענעו כדי שיהא רך ונוח לשכב עליו: **לא ינענעו בידו.** דמוקצה הוא: **אבל מנענעו בגופו.** בכתפיו, דטלטול מן הצד הוא ולאו שמיה טלטול:

## ביאור משנה

דורכזיפן **אֶת הַתֶּבֶן** די שטרוי **בַּכְּבָרָה**, דורך אַ זיפּ, **וְלֹא יִתְּנֶנּוּ** און מען טאָר עס נישט אַרויפלייגן **עַל גַּבֵּי מָקוֹם גָּבוֹהַּ** אויף אַ הויך פלאַץ **בִּשְׁבִיל שֶׁיֵּרֵד הַמּוֹץ**, כדי די שאָלאַכץ זאָל אַראָפּפאַלן, – די שטרוי, וואָס מען גיט צו עסן פאַר בהמות, איז געוועגליך אויסגעמישט מיט די שאָלאַכץ, די שטעכעדיגע הערעלעך פון די שטרוי-שפּיצן, וואָס איז נישט גוט פאַר די בהמות. וועגן דעם זיפט מען די שטרוי דורך אַ זיפּ, אָדער מען לייגט עס אַרויף אויף אַ הויך אָרט, כדי די ווינט זאָל אַראָפּבלאָזן די שאָלאַכץ. זאָגט די משנה אַז אין שבת טאָר מען עס נישט טון. **אֲבָל נוֹטֵל הוּא** אָבער מען מעג נעמען [די שטרוי] **בַּכְּבָרָה** מיט אַ זיפּ **וְנוֹתֵן לְתוֹךְ הָאֵבוּס**. און עס אַריינלייגן אין די שיסל [פון וואו די בהמות עסן]. – כאָטש דערווייל ווערט די שטרוי דורכגעזיפּט, מעג מען. דאָס איז דער דין אַז "דבר שאינו מתכוון מותר, אויב מען מיינט נישט צו טון די מלאכה מעג מען":

### משנה ד

**גּוֹרְפִין** מען מעג [אין שבת] אויסשאַרן **מִלִּפְנֵי הַפְּטָם**, פון די שיסל [וואָס איז] פאַר דעם אָקס וואָס מען שטאָפּט מיט עסן, – עס זענען דאָ אָקסן וועלכע מען שטעלט אַוועק אין שטאַל און מען שטאָפּט זיי מיט עסן, כדי זיי זאָלן פעט ווערן, אַזאַ אָקס הייסט "פּטם, שטאָפּן". זאָגט די משנה אַז מען מעג אויסשאַרן די שיסל פון זאַמד, כדי מען זאָל דאָרט אַריינלייגן דאָס עסן פאַר דעם אָקס, וועלכע מען שטאָפּט. **וּמְסַלְּקִין לַצְּדָדִין** און מען מעג אַוועקשטעלן אין די זייטן **מִפְּנֵי הָרְעִי**, פון וועגן די מיסט, ווען עס ליגט אַסאַך שטרוי פאַר דעם אָקס, מעג מען אַוועקשאַרן די שטרוי אין די זייט, כדי דער אָקס זאָל עס נישט שמוציג מאַכן מיט זיין טנופת. **דִּבְרֵי רַבִּי דוֹסָא.** אַזוי זאָגט רבי דוסא. **וַחֲכָמִים אוֹסְרִין.** און די חכמים אַסר'ן. – סיי דאָס אויסשאַרן די שיסל און סיי דאָס אַוועקשאַרן די שטרוי אין די זייטן. די גמרא זאָגט, אַז די מחלוקת איז נאָר וועגן אַ שיסל וואָס איז אַ כלי, אָבער אויב מען לייגט דאָס עסן אין אַ גריבל וואָס איז אויסגעגראָבן אין די ערד, האַלט אויך רבי דוסא אַז מען טאָר נישט, ווייל מען האָט מורא אַז ער וועט קומען אויסגלייכן די גריבלעך, און דאָס טאָר מען נישט טון אין שבת. **נוֹטְלִין מִלִּפְנֵי בְהֵמָה זוֹ** מען מעג נעמען [עסן] וואָס ליגט פאַר די בהמה **וְנוֹתְנִין לִפְנֵי בְהֵמָה זוֹ** און עס לייגן פאַר די [אַנדערע] בהמה **בַּשַּׁבָּת**. אין שבת ווייל איין בהמה עסט דאָס וואָס אַן אַנדערע בהמה האָט איבערגעלאָזט, און דעריבער איז עס נישט מוקצה, ווייל דאָס עסן קען דאָך באַניצט ווערן דורך די אַנדערע בהמה. די גמרא זאָגט אַז דאָס עסן פון אַן אָקס טאָר מען אָבער נישט געבן פאַר אַן אייזל, ווייל אַן אָקס מאַכט שמוציג דאָס עסן מיט שפּייעכטץ און דאָס אייזל פאַר'מיאוס'ט זיך דערפון צו עסן:

### משנה ה

**הַקַּשׁ שֶׁעַל גַּבֵּי הַמִּטָּה**, די שטרוי וואָס ליגט אויף אַ בעט, **לֹא יְנַעְנְעוֹ בְּיָדוֹ**, טאָר מען עס [אין שבת] נישט שאָקלען מיט די האַנט, **אֶלָּא מְנַעְנְעוֹ בְּגוּפוֹ**. נאָר מען מעג עס שאָקלען מיטן קערפּער. – פאַר מען האָט זיך געלייגט אויף שטרוי האָט מען עס אויפגעשאָקלט אַז עס זאָל זיין ווייך און גלאַט זיך אַראָפּצולייגן דערויף, זאָגט די משנה אַז ווייל סתם

### רבינו עובדיה

**או שהיה עליו כר או סדין.** דגלי דעתיה דאקלייה לשכיבה, מעתה תורת כלי עליו: **מכבש.** שני לוחות שמשימין ביניהם הבגדים לאחר כיבסתן ומהדקין הלוח העליון על הבגדים המונחים בלוח התחתון כדי שיהא

### משנה (שבת פרק כ)

וְאִם הָיָה מַאֲכַל בְּהֵמָה, אוֹ שֶׁהָיָה עָלָיו כַּר אוֹ סָדִין, מְנַעְנְעוֹ בְּיָדוֹ. מַכְבֵּשׁ שֶׁל בַּעֲלֵי בָתִּים, מַתִּירִין, אֲבָל לֹא כוֹבְשִׁין, וְשֶׁל כּוֹבְסִין, לֹא יִגַּע בּוֹ. רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר, אִם הָיָה מֻתָּר מֵעֶרֶב שַׁבָּת, מַתִּיר אֶת כֵּלָיו וְשׁוֹמְטוֹ:

### מברטנורא

קיפולן נאה: **מתירין.** דהיינו לצורך שבת ליטול את הבגדים: **אבל לא כובשים.** דהיינו לורך חול: **ושל כובסים לא יגע בו.** מפני שהוא עשוי לתקן בגדים ומהדק טפי והתרתו דומה לסתירה. ואין הלכה כרבי יהודה:

### ביאור משנה

שטרוי איז באַשטימט צום פֿאַרברענען, און אַזוויי אין שבת טאָר מען דאָך נישט אָנצינדן קיין פֿייער, איז די שטרוי מוקצה, און מען טאָר עס נישט שאָקלען מיט די האַנט. אָבער מיטן קערפּער, נישט מיט די האַנט, מעג עס יאָ שאָקלען, ווייל "טלטול מן הצד", דאָס באַוועגן אַ זאַך דורך דער זייט (נישט מיט דער האַנט) הייסט נישט באַוועגן. **וְאִם הָיָה מַאֲכַל בְּהֵמָה**, און אויב דאָס [שטרוי] איז געווען צום עסן פֿאַר אַ בהמה, **אוֹ שֶׁהָיָה עָלָיו כַּר** אָדער עס איז געלעגן דערויף אַ קישן **אוֹ סָדִין**, אָדער אַ ליילעך, **מְנַעְנְעוֹ בְּיָדוֹ**. מען מעג עס שאָקלען מיט די האַנט, – ווייל דערמיט האָט מען דאָך קלאָר געמאַכט, אַז די שטרוי איז נישט צום פֿאַרברענען נאָר צום עסן פֿאַר אַ בהמה, אָדער צו לייגן זיך דערויף, און עס איז נישט קיין מוקצה. **מַכְבֵּשׁ שֶׁל בַּעֲלֵי בָתִּים**, אַ פּרעס פֿון בעלי בתים, – די פּרעס באַשטייט פֿון צוויי ברעטער, און מען לייגט אַריין דאָס קלייד צווישן די ברעטער, און מען טוט זיי צוזאַם באַפֿעסטיגן, דורכדעם ווערט דאָס קלייד אויסגעפּרעסט. **מַתִּירִין**, מען מעג אויפֿמאַכן [איין טייל פֿון די פּרעס פֿון דער אַנדערער טייל, און אַרויסנעמען דאָס קלייד פֿון צווישן זיי], **אֲבָל לֹא כוֹבְשִׁין**, אָבער מען טאָר נישט פּרעסן, – אויב די פּרעס איז אַ הויז-פּרעס, פֿון בעלי בתים, מעג מען עס עפֿענען און אַרויסנעמען דאָס קלייד פֿון די פּרעס, אָבער עס אַריינלייגן אין דער פּרעס צום אויספּרעסן טאָר מען נישט. **וְשֶׁל כּוֹבְסִין**, און פֿון די וועשערס, **לֹא יִגַּע בּוֹ**. טאָר מען נישט אָנרירן אין אים. – אָבער אַ פּרעס פֿון די בעלי מלאכות, פֿון וועשערס, טאָר מען נישט אָנרירן, אפילו נישט אַרויסנעמען דאָס קלייד, ווייל אַזאַ פּרעס איז זייער פֿעסט צוגעמאַכט און ווען מען עפֿנט עס הייסט עס ווי צעשטערט אַ זאַך. **רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר**, רבי יהודה זאָגט, **אִם הָיָה מֻתָּר מֵעֶרֶב שַׁבָּת**, אויב די פּרעס איז געווען אָפֿן פֿון פֿאַר שבת, **מַתִּיר אֶת כֵּלָיו** מעג ער עס אויפֿמאַכן אינגאַנצן **וְשׁוֹמְטוֹ**. און עס אַרויסציען [דאָס קלייד]. – אויב די פּרעס איז געווען אַביסל אָפֿן פֿון פֿאַר שבת, האַלט רבי יהודה אַז מען מעג עס שוין אינגאַנצן עפֿענען. אָבער עס איז דאָ אַ גירסא "מכיר את כליו ושומטן", אַז ער מעג עס נאָר נעמען, און נישט אַז ער מעג עס עפֿענען מער:

## גמרא

הלכה ה׳ כלה כלי החיצון דגבורה דמלכות דבריאה אכדטם

### גמרא (שבת דף ק״מ ע״ב)

**אָמַר** רַב קְטִינָא, הָעוֹמֵד בְּאֶמְצַע הַמִּטָּה, כְּאִלּוּ עוֹמֵד בִּבְרֵיכָה שֶׁל אִשָּׁה. וְאָמַר רַב חִסְדָּא, בַּר בֵּי רַב, [דְּלָא נְפִישָׁא לֵיהּ רִיפְתָּא], לָא לֵיכוֹל יַרְקָא, מִשּׁוּם דְּגָרֵיר. וְאָמַר רַב חִסְדָּא, אֲנָא לָא בַּעֲנִיּוּתִי אַכְלִי יַרְקָא וְלָא בַּעֲתִירוּתִי אַכְלִי יַרְקָא,

### רש״י

**באמצע המטה.** שאיש ואשתו רגילין בה ליסן: **כאלו עומד כו׳.** דמהרש״ל: **לא ליכול ירקא.** ירק חי, כרישין לירפו״ל ושחלייס: **משום דגריר ליבא.** ומאכילו לחם הרבה ואין לו:

### ביאור גמרא

**אָמַר רַב קְטִינָא** האט רב קטינא געזאגט **הָעוֹמֵד בְּאֶמְצַע הַמִּטָּה** אויב איינער שטייט אינמיטן בעט אין א שלאף-שטוב פון א מאן און זיין פרוי **כְּאִלּוּ עוֹמֵד בִּבְרֵיכָה שֶׁל אִשָּׁה** איז אזוי ווי ער וואלט געשטאנען אויף דעם בויך פון א פרעמדע פרוי, ווייל עס ברענגט צו שלעכטע טראכטונגען.

**וְאָמַר רַב חִסְדָּא** נאך האט רב חסדא געזאגט **בַּר בֵּי רַב** **[דְּלָא נְפִישָׁא לֵיהּ רִיפְתָּא]** א תלמיד וואס האט נישט אסאך ברויט צום עסן **לָא לֵיכוֹל יַרְקָא** זאל נישט עסן קיין גרינצייג **מִשּׁוּם דְּגָרֵיר** ווייל די ירקות מאכן אפעטיט צו וועלן עסן מער.

**וְאָמַר רַב חִסְדָּא** נאך האט רב חסדא געזאגט **אֲנָא לָא בַּעֲנִיּוּתִי אַכְלִי יַרְקָא וְלָא בַּעֲתִירוּתִי אַכְלִי יַרְקָא** איך האב נישט געגעסן ירקות, נישט ווען איך בין געווען

## **גמרא** (שבת דף ק״מ ע״ב)

בַּעֲנִיּוּתִי, מִשּׁוּם דְּגָרִיר, בַּעֲתִירוּתִי, דַּאֲמִינָא, הֵיכָא דְּעָיֵיל יַרְקָא לֵיעוּל בִּשְׂרָא וְכַוְורֵי. **וְאָמַר** רַב חִסְדָּא, הַאי מַאן דְּאֶפְשָׁר לֵיהּ לְמֵיכַל נַהֲמָא דִּשְׂעָרֵי וְאָכַל דְּחִיטֵּי, קָעָבַר מִשּׁוּם בַּל תַּשְׁחִית. **וְאָמַר** רַב פָּפָּא, הַאי מַאן דְּאֶפְשָׁר לְמִשְׁתֵּי שִׁיכְרָא וְשָׁתֵי חַמְרָא, עוֹבֵר מִשּׁוּם בַּל תַּשְׁחִית. וְלָאו מִילְּתָא הִיא, בַּל תַּשְׁחִית דְּגוּפָא עָדִיף. **וְאָמַר** רַב חִסְדָּא, בַּר בֵּי רַב דְּזָבִין אוּמְצָא, לִיזְבִּין אוּנְקָא, דְּאִית בֵּיהּ תְּלָתָא מִינֵי בִּישְׂרָא. **וְאָמַר** רַב חִסְדָּא, בַּר בֵּי רַב לֹא לֵיתִיב אֲצִיפְּתָא חַדְתָּא, דִּמְכַלְיָא מָאנֵיהּ. **וְאָמַר** רַב חִסְדָּא, בַּר בֵּי רַב לֹא לִישַׁדַּר מָאנֵיהּ לְאוּשְׁפִּיזֵיהּ לְחַוְּורֵיהּ לֵיהּ, דְּלָאו אוֹרַח אַרְעָא, דִּילְמָא חָזֵי בֵּיהּ מִידֵי וְאָתֵי לְמִגְנְיָא. **אָמַר** לְהוּ רַב חִסְדָּא לִבְנָתֵיהּ תֶּיהֱוֵי צְנִיעָתָן בְּאַפֵּי גַּבְרַיְיכוּ, לֹא תֵיכְלוּן נַהֲמָא בְּאַפֵּי גַּבְרַיְיכוּ, לֹא תֵיכְלוּן יַרְקָא בְּלֵילְיָא. לֹא תֵיכְלוּן תַּמְרֵי בְּלֵילְיָא, וְלֹא תִשְׁתּוּן שִׁיכְרָא בְּלֵילְיָא, וְלֹא תִיפָּנוּן הֵיכָא דְּמִפָּנֵי גַּבְרַיְיכוּ,

### רש״י

**אונקא.** צואר: **תלתא מיני בשרא.** יטעום בו ג׳ מיני מטעמים, שמן וכחוש וגיד הצואר: **אציפתא חדתא.** מחצלת חדשה של גמי לח, ולחלוחית הגמי מבלה הבגדים: **לאושפיזא.** לפונדקית שלו לא ישלח חלוקו ללבן: **דילמא חזיא בהו.** קרי ומגני עליה: **לא תיכלון נהמא באפי גברייכו.** פעמים תאכל הרבה ותתגנה עליו: **לא תיכלון ירקא בלילא.** מפני ריח הפה: **שיכרא ותמרי.** משלשלין (כתובות י:) ומביאין לידי הפסה: **היכא דמפני גברייכו.**

### ביאור גמרא

ארעם און אויך נישט ווען איך בין שוין געווען רייך, **בַּעֲנִיּוּתִי** ווען איך בין געווען ארעם האב איך נישט געגעסן קיין גרינס **מִשּׁוּם דְּגָרִיר** ווייל עס מאכט אפעטיט צו וועלן עסן מער ברויט – און איך האב נישט געהאט, **בַּעֲתִירוּתִי** ווען איך בין געווען רייך האב איך נישט געגעסן קיין גרינס **דַּאֲמִינָא** ווייל איך האב מיר געזאגט **הֵיכָא דְּעָיֵיל יַרְקָא לֵיעוּל בִּשְׂרָא וְכַוְורֵי** אויף דעם ארט וואו עס זאלן אריינגיין די גרינס זאל בעסער אריינגיין פלייש און פיש.

**וְאָמַר רַב חִסְדָּא** נאך האט רב חסדא געזאגט **הַאי מַאן דְּאֶפְשָׁר לֵיהּ לְמֵיכַל נַהֲמָא דִּשְׂעָרֵי וְאָכַל דְּחִיטֵּי קָעָבַר מִשּׁוּם בַּל תַּשְׁחִית** דער מענטש וואס קען עסן גערשטן-ברויט, און ער עסט ווייצן-ברויט, איז ער עובר אויף בל תשחית, **וְאָמַר רַב פָּפָּא** און רב פפא האט געזאגט **הַאי מַאן דְּאֶפְשָׁר לְמִשְׁתֵּי שִׁיכְרָא וְשָׁתֵי חַמְרָא עוֹבֵר מִשּׁוּם בַּל תַּשְׁחִית** אויב א מענטש קען טרינקען ביר און ער טרינקט וויין, איז ער עובר אויף בל תשחית; זאגט אבער די גמרא **וְלָאו מִילְּתָא הִיא** עס איז אבער נישט אזוי **בַּל תַּשְׁחִית דְּגוּפָא עָדִיף** דאס נישט קאליע מאכן דעם גוף (דורך טרינקען ביר אנשטאט וויין) איז וויכטיגער.

**וְאָמַר רַב חִסְדָּא** נאך האט רב חסדא געזאגט **בַּר בֵּי רַב דְּזָבִין אוּמְצָא** אויב א תלמיד פון בית המדרש, – וואס האט נישט צופיל געלט, קויפט זיך א שטיק פלייש **לִיזְבִּין אוּנְקָא** זאל ער קויפן פלייש פון דער האלז פון די בהמה **דְּאִית בֵּיהּ תְּלָתָא מִינֵי בִּישְׂרָא** וועט ער אין דעם פילן דעם טעם פון דריי סארטן פלייש, (פעט פלייש, מאגער פלייש, און אויך דעם אדער פון האלז).

**וְאָמַר רַב חִסְדָּא** נאך האט רב חסדא געזאגט **בַּר בֵּי רַב** א תלמיד פון בית המדרש – וואס האט נישט צופיל געלט **לֹא לֵיתִיב אֲצִיפְּתָא חַדְתָּא** זאל נישט זיצן אויף א נייע (פרישע) טעפיך געמאכט פון גראז **דִּמְכַלְיָא מָאנֵיהּ** ווייל דאס פייכטקייט פון די פרישע גראזן מאכט קאליע די קליידער.

**וְאָמַר רַב חִסְדָּא** נאך האט רב חסדא געזאגט **בַּר בֵּי רַב לֹא לִישַׁדַּר מָאנֵיהּ לְאוּשְׁפִּיזֵיהּ לְחַוְּורֵיהּ לֵיהּ** א תלמיד פון בית המדרש זאל נישט שיקן זיינע וועש צו וואשן ביי דעם בעל הבית וואו ער וואוינט **דְּלָאו אוֹרַח אַרְעָא** ווייל דאס איז נישט א דרך ארץ **דִּילְמָא חָזֵי בֵּיהּ מִידֵי וְאָתֵי לְמִגְנְיָא** ווייל טאמער וועט די וועש אמאל זיין מער שמוציג, וועט דער תלמיד ביי דעם בעל הבית פארלירן זיין חשיבות.

**אָמַר לְהוּ רַב חִסְדָּא לִבְנָתֵיהּ** רב חסדא האט אנגעזאגט זיינע טעכטער **תֶּיהֱוֵי צְנִיעָתָן בְּאַפֵּי גַּבְרַיְיכוּ** איר זאלט זיין באשיידן פאר אייערע מענער **לֹא תֵיכְלוּן נַהֲמָא בְּאַפֵּי גַּבְרַיְיכוּ** איר זאלט נישט עסן ברויט פאר אייערע מענער, – ווייל אמאל עסט מען צופיל און מען ווערט פאר׳מיאוס׳ט אויפן מאן, **לֹא תֵיכְלוּן יַרְקָא בְּלֵילְיָא** איר זאלט נישט עסן ירקות ביינאכט, – ווייל מען פילט דערנאך א שלעכטע ריח פון מויל, **לֹא תֵיכְלוּן תַּמְרֵי בְּלֵילְיָא** איר זאלט נישט עסן טייטלען ביינאכט **וְלֹא תִשְׁתּוּן שִׁיכְרָא בְּלֵילְיָא** און איר זאלט נישט טרינקען ביר ביינאכט, – ווייל דאס מאכט שווער פארן מאגן, **וְלֹא תִיפָּנוּן הֵיכָא דְּמִפָּנֵי גַּבְרַיְיכוּ** און ווען איר וועט נוצן אַן ארט צו גיין

## גמרא (שבת דף ק"מ ע"ב)

וְכִי קָא קָארֵי אַבָּבָא אִינִישׁ, לֹא תֵּימְרוּן מַנּוּ אֶלָּא מַנִּי:

### רש"י

דגילוי דפניהם דשדות, ואפילו שלא דפניהם, שמכיר מקומו ומקומכם ונמאסתם לו בזוכרו: **לא תימרון מנו.** מי הוא לשון זכר, לא תרגילו לשונכם לדבר עם זכרים: **אלא מני.** מי היא:

### ביאור גמרא

נקיות, זאלט איר נישט גיין אויף דעם ארט וואו אייערע מענער גייען, **וְכִי קָא קָארֵי אַבָּבָא אִינִישׁ** און ווען א מענטש רופט ביי אייער טיר פון הויז **לֹא תֵּימְרוּן מַנּוּ אֶלָּא מַנִּי** זאלט איר נישט פרעגן ווער איז ביי דער טיר, מיט א לשון זכר נאר מיט א לשון נקבה (אין לשון הקודש און אין אראמיש, איז דא א חילוק אין זאגן "ווער" פאר א זכר, אדער פאר א נקבה).

## זוהר

ת"ת דאצילות יוד הא ואו הא

## זוהר (תצוה דף קפ"א ע"א)

**וְאַתָּה** הַקְרֵב אֵלֶיךָ וְגוֹ' (שמות כח). **אָמַר** רַבִּי שִׁמְעוֹן, לָא שִׁמֵּשׁ מֹשֶׁה (נ"א דְּאִיהוּ שִׁמְשָׁא) בְּסִיהֲרָא, עַד דְּאִתְכְּלִיל בְּכָל סִטְרִין בְּרָזָא דְו', כְּמָה דְּאוּקִימְנָא.

**תָּא** חֲזִי, מַה כְּתִיב (שם) מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכַהֲנוֹ לִי, לְכַהֵן לִי לָא כְתִיב, אֶלָּא לְכַהֲנוֹ לִי, לְשִׁמּוּשָׁא דִילֵיהּ, לְשִׁמּוּשָׁא דְאָת דָא, לְשִׁמּוּשָׁא דִילֵיהּ וַדַּאי. לִי דָא אָת הֵ"א, לְאַעֲלָא וּלְשַׁמְּשָׁא וָא"ו בְּהֵ"א לְמֶהֱוֵי כֹּלָּא חַד.

**זַכָּאִין** אִינוּן יִשְׂרָאֵל דְּעָאלוּ וְנַפְקוּ, וְיַדְעֵי בְּרָזֵי דְאָרְחֵי דְאוֹרַיְתָא לְמֵיהַךְ בְּאֹרַח קְשׁוֹט.

**מִתּוֹךְ** בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. אַמַּאי מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. אֶלָּא כֹּלָּא לָא אִתְקְרִיב לְמֶהֱוֵי חַד כִּדְקָא יָאוּת אֶלָּא מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, דְּהָא בְּנֵי יִשְׂרָאֵל קַיְימִין לְתַתָּא לְאַפְתְּחָא אָרְחִין, וּלְאַנְהָרָא שְׁבִילִין וּלְאַדְלָקָא בּוֹצִינִין, וּלְקָרְבָא כֹּלָּא מִתַּתָּא לְעֵילָא לְמֶהֱוֵי כֹּלָּא חָד, וּבְגִינֵי כָךְ כְּתִיב (דברים ד) וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּיָי וְגוֹ'.

**אָמַר** רַבִּי שִׁמְעוֹן, כֹּלָּא אִיהוּ קְרִיבָה לְמַאן דְּיָדַע לְיַחֲדָא יִחוּדָא וּלְמִפְלַח לְמָארֵיהּ, דְּהָא בִּזְמְנָא דְאִשְׁתְּכַח קָרְבָּנָא כִּדְקָא יָאוּת, כְּדֵין אִתְקְרִיב כֹּלָּא כַּחֲדָא, וּנְהִירוּ דְּאַנְפִּין אִשְׁתְּכַח

### ביאור זוהר

**וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ וְגוֹ'** (שמות כח). **אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, לָא שִׁמֵּשׁ מֹשֶׁה (נ"א דְּאִיהוּ שִׁמְשָׁא) בְּסִיהֲרָא**, מֹשֶׁה שֶׁהָיָה מֶרְכָּבָה לִזְעֵיר הַנִּקְרָא שֶׁמֶשׁ, לֹא הָיָה יָכוֹל לִגְרֹם הַיִּחוּד בַּמַּלְכוּת הַנִּקְרֵאת לְבָנָה, **עַד דְּאִתְכְּלִיל בְּכָל סִטְרִין בְּרָזָא דְו', כְּמָה דְּאוּקִימְנָא**. עַד שֶׁנִּכְלַל בְּכָל הַצְּדָדִים בְּסוֹד הַו' כְּמוֹ שֶׁהֶעֱמַדְנוּ הַיְינוּ שֶׁנִּכְלַל בְּכָל הַשִּׁשָּׁה מִדּוֹת דִּזְעֵיר.

**תָּא חֲזִי**, בֹּא וּרְאֵה, **מַה כְּתִיב** (שם) **מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכַהֲנוֹ לִי, לְכַהֵן לִי לָא כְתִיב, אֶלָּא לְכַהֲנוֹ לִי**, בְּוי"ו יְתֵרָה, **לְשִׁמּוּשָׁא דִילֵיהּ**, לְשִׁמּוּשׁ שֶׁלּוֹ, **לְשִׁמּוּשָׁא דְאָת דָא, לְשִׁמּוּשָׁא דִילֵיהּ וַדַּאי**. לְשִׁמּוּשׁ שֶׁל אוֹת וי"ו הַזֶּה, לַשִּׁמּוּשׁ שֶׁלּוֹ וַדַּאי, **לִי דָא אָת הֵ"א**, לִי זֶה אוֹת ה שֶׁהִיא הַמַּלְכוּת, **לְאַעֲלָא וּלְשַׁמְּשָׁא וָא"ו בְּהֵ"א, לְמֶהֱוֵי כֹּלָּא חַד**. לְהַכְנִיס וּלְשַׁמֵּשׁ אוֹת ו (שֶׁהִיא זְעֵיר) בְּאוֹת ה שֶׁהִיא מַלְכוּת. וְזֶה הַכַּוָּנָה לְכַהֲנוֹ לִי, לְכַהֵן "ו" בְּמִדַּת "לִי", לִהְיוֹת הַכֹּל אֶחָד.

**זַכָּאִין אִינוּן יִשְׂרָאֵל דְּעָאלוּ וְנַפְקוּ**, אַשְׁרֵיהֶם יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּכְנָסִים (בְּסוֹדוֹת הַתּוֹרָה) וְיוֹצְאִים מִשָּׁם בְּשָׁלוֹם, **וְיַדְעֵי בְּרָזֵי דְאָרְחֵי דְאוֹרַיְתָא לְמֵיהַךְ בְּאֹרַח קְשׁוֹט**. וְיוֹדְעִים בְּסוֹדוֹת דַּרְכֵי הַתּוֹרָה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֱמֶת.

**מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, שׁוֹאֵל - **אַמַּאי מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, יֹאמַר מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל, **אֶלָּא כֹּלָּא לָא אִתְקְרִיב לְמֶהֱוֵי חַד כִּדְקָא יָאוּת, אֶלָּא מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, אֶלָּא הַכֹּל לֹא נִתְקָרֵב לִהְיוֹת בְּיִחוּד אֶחָד כָּרָאוּי, אֶלָּא מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת שֶׁעוֹשִׂים, **דְּהָא בְּנֵי יִשְׂרָאֵל קַיְימִין לְתַתָּא לְאַפְתְּחָא אָרְחִין**, שֶׁהֲרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עוֹמְדִים לְמַטָּה לִפְתּוֹחַ הַדְּרָכִים, **וּלְאַנְהָרָא שְׁבִילִין וּלְאַדְלָקָא בּוֹצִינִין**, וּלְהָאִיר הַשְּׁבִילִים וּלְהַדְלִיק הַנֵּרוֹת שֶׁהֵם הַסְּפִירוֹת הָעֶלְיוֹנוֹת, **וּלְקָרְבָא כֹּלָּא מִתַּתָּא לְעֵילָא לְמֶהֱוֵי כֹּלָּא חַד**, וּלְקָרֵב הַכֹּל מִמַּטָּה לְמַעְלָה לִהְיוֹת הַכֹּל בְּיִחוּד אֶחָד לְדַבֵּק כָּל הָעוֹלָמוֹת אֶל ה', **וּבְגִינֵי כָךְ כְּתִיב** וּבִשְׁבִיל זֶה נֶאֱמַר (דברים ד) **וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּיָי וְגוֹ'**.

הִנֵּה, לָזֶה הַפֵּירוּשׁ עַל הַפָּסוּק וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ שֶׁבֵּאַרְנוּ שֶׁזֶּה מוֹרֶה עַל יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, קָשֶׁה, שֶׁלָּשׁוֹן קְרִיבָה מוֹרֶה עַל רָחוֹק שֶׁנִּתְקָרֵב, וְלֹא עַל הַיִּחוּד. וּמְתָרֵץ **אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן כֹּלָּא אִיהוּ קְרִיבָה**, שֶׁגַּם הַיִּחוּד מִתְיַחֵס אֶל שֵׁם קְרִיבָה, **לְמַאן דְּיָדַע לְיַחֲדָא יִחוּדָא וּלְמִפְלַח לְמָארֵיהּ**, לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ לְיַחֵד יִחוּד וְלַעֲבוֹד לַאֲדוֹנוֹ, **דְּהָא בִּזְמְנָא דְאִשְׁתְּכַח קָרְבָּנָא כִּדְקָא יָאוּת, כְּדֵין אִתְקְרִיב כֹּלָּא כַּחֲדָא**, שֶׁהֲרֵי בְּשָׁעָה שֶׁנִּמְצָא הַקָּרְבָּן שֶׁנִּקְרַב כָּרָאוּי, אָז נִתְקָרֵב הַכֹּל בְּיַחַד וּמִתְיַחֲדִים הַמִּדּוֹת זֶה בָּזֶה, **וּנְהִירוּ דְּאַנְפִּין אִשְׁתְּכַח**

## זוהר (תצוה דף קפ״א ע״א)

בְּעַלְמָא בְּבֵי מַקְדְּשָׁא, וְאִתְכַּפְיָיא וְאִתְכַּסְיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְשָׁלִיט סִטְרָא דִקְדוּשָּׁה בִּנְהִירוּ וְחֵידוּ.

**וְכַד** קָרְבְּנָא לָא אִשְׁתְּכַח כִּדְקָא יָאוּת, אוֹ יִחוּדָא לָא הֲוֵי כִּדְקָא יָאוּת, כְּדֵין אַנְפִּין עֲצִיבִין, וּנְהִירוּ לָא אִשְׁתְּכַח, וְאִתְכַּסְיָיא סִיהֲרָא, וְשַׁלְטָא סִטְרָא אַחֲרָא בְּעַלְמָא. (נ״א דְּלָא אִתְחֲרַב בֵּי מַקְדְּשָׁא אֶלָּא) בְּגִין דְּלָא אִית מַאן דְּיָדַע לְיַחֲדָא שְׁמָא קַדִּישָׁא כִּדְקָא יָאוּת.

**אָמַר** רַבִּי שִׁמְעוֹן, קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לָא נַסֵּי לְאִיּוֹב וְלָא אָתָא עִמֵּיהּ בְּנִסְיוֹנָא כְּנִסְיוֹנָא דִשְׁאַר צַדִּיקַיָּיא, דְּהָא לָא כְתִיב בֵּיהּ וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אִיּוֹב כְּמָה דִכְתִיב בְּאַבְרָהָם וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם, דְּאִיהוּ בִּידֵיהּ אַקְרִיב לִבְרֵיהּ יְחִידָאֵי לְגַבֵּיהּ, וְאִיּוֹב לָא יָהַב לֵיהּ וְלָא מְסַר לֵיהּ כְּלוּם, וְלָא אִתְמַר לֵיהּ. אֲבָל אִתְמְסַר בִּידָא דִמְקַטְרְגָא בְּדִינָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. דְּאִיהוּ אִתְעַר לְהַהוּא מְקַטְרְגָא לְגַבֵּיהּ, מַה דְּאִיהוּ לָא בָעָא, דְּהָא בְּכָל זִמְנָא אָתֵי הַהוּא מְקַטְרְגָא לְאַתְעֲרָא עַל בְּנֵי נָשָׁא, וְהָכָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אַתְעַר לְגַבֵּיהּ, דִּכְתִיב (איוב א) הֲשַׂמְתָּ לִבְּךָ עַל עַבְדִּי אִיּוֹב, אֲבָל רָזָא עֲמִיקָא אִיהוּ:

### ביאור זוהר

**בְּעַלְמָא בְּבֵי מַקְדְּשָׁא**, וְהֶאָרַת הַפָּנִים נִמְצָא בָּעוֹלָם בְּבֵית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁה׳ מֵאִיר פָּנָיו לָעוֹלָם, **וְאִתְכַּפְיָיא וְאִתְכַּסְיָיא סִטְרָא אַחֲרָא**, וְנִכְנַע וְנִתְכַּסֶּה הַצַּד הָאַחֵר הַטֻּמְאָה, **וְשָׁלִיט סִטְרָא דִקְדוּשָּׁה בִּנְהִירוּ וְחֵידוּ**. וְשׁוֹלֵט צַד הַקְּדֻשָּׁה בְּאוֹרָה וְשִׂמְחָה.

**וְכַד קָרְבְּנָא לָא אִשְׁתְּכַח כִּדְקָא יָאוּת, אוֹ יִחוּדָא לָא הֲוֵי כִּדְקָא יָאוּת**, וְכַאֲשֶׁר הַקָּרְבָּן לֹא נִמְצָא כָּרָאוּי, אוֹ שֶׁהַיִּחוּד לֹא הָיָה כָּרָאוּי, **כְּדֵין אַנְפִּין עֲצִיבִין**, אָז הַפָּנִים עֲצוּבוֹת שֶׁה׳ מַסְתִּיר פָּנָיו מֵהָעוֹלָם, **וּנְהִירוּ לָא אִשְׁתְּכַח**, וְהָאוֹר לֹא נִמְצָא, **וְאִתְכַּסְיָיא סִיהֲרָא**, וְנִכְסָה הַלְּבָנָה שֶׁהִיא הַשְּׁכִינָה, שֶׁאֵינָהּ מַשְׁפַּעַת בַּתַּחְתּוֹנִים, **וְשַׁלְטָא סִטְרָא אַחֲרָא בְּעַלְמָא**. וְשׁוֹלֵט הַצַּד הָאַחֵר הַטֻּמְאָה בָּעוֹלָם, (נ״א **דְּלָא אִתְחֲרַב בֵּי מַקְדְּשָׁא אֶלָּא**) **בְּגִין דְּלָא אִית מַאן דְּיָדַע לְיַחֲדָא שְׁמָא קַדִּישָׁא כִּדְקָא יָאוּת**, שֶׁלֹּא נֶחֱרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אֶלָּא בִּשְׁבִיל שֶׁלֹּא הָיָה מִי שֶׁיָּדַע לְיַחֵד שֵׁם הַקָּדוֹשׁ כָּרָאוּי.

**אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לָא נַסֵּי לְאִיּוֹב וְלָא אָתָא עִמֵּיהּ בְּנִסְיוֹנָא כְּנִסְיוֹנָא דִשְׁאַר צַדִּיקַיָּיא**, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לֹא נִסָּה אֶת אִיּוֹב וְלֹא בָּא עִמּוֹ בְּנִסָּיוֹן כַּנִּסָּיוֹן שֶׁל שְׁאָר צַדִּיקִים כִּי נִסָּיוֹן שֶׁל צַדִּיקִים הֵם יִסּוּרִים שֶׁל אַהֲבָה, וְעַל יְדֵי זֶה הַשְּׁכִינָה עוֹלָה וּמִתְיַחֶדֶת עִם בַּעֲלָהּ, וּבְאִיּוֹב לֹא הָיוּ יִסּוּרִין שֶׁל אַהֲבָה, **דְּהָא לָא כְתִיב בֵּיהּ וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אִיּוֹב, כְּמָה דִכְתִיב בְּאַבְרָהָם וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם, דְּאִיהוּ בִּידֵיהּ אַקְרִיב לִבְרֵיהּ יְחִידָאֵי לְגַבֵּיהּ**. שֶׁהוּא אַבְרָהָם בְּיָדָיו הִקְרִיב לִבְנוֹ יְחִידוֹ אֵלָיו, **וְאִיּוֹב לָא יָהַב לֵיהּ וְלָא מְסַר לֵיהּ כְּלוּם וְלָא אִתְמַר לֵיהּ**. וְאִיּוֹב לֹא נָתַן לוֹ וְלֹא מָסַר לוֹ כְּלוּם, וְלֹא נֶאֱמַר לוֹ שֶׁיִּתֵּן, **אֲבָל אִתְמְסַר בִּידָא דִמְקַטְרְגָא בְּדִינָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא**. אֲבָל אִיּוֹב נִמְסַר בְּיַד הַמְקַטְרֵג בְּדִינוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, **דְּאִיהוּ אִתְעַר לְהַהוּא מְקַטְרְגָא לְגַבֵּיהּ מַה דְּאִיהוּ לָא בָעָא**, שֶׁהוּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹרֵר עָלָיו הַשָּׂטָן מַה שֶּׁהוּא הַשָּׂטָן לֹא בִּקֵּשׁ, **דְּהָא בְּכָל זִמְנָא אָתֵי הַהוּא מְקַטְרְגָא לְאַתְעֲרָא עַל בְּנֵי נָשָׁא**, שֶׁהֲרֵי בְּכָל שָׁעָה בָּא הַשָּׂטָן הַהוּא לְעוֹרֵר קִטְרוּגִים עַל בְּנֵי אָדָם, **וְהָכָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אַתְעַר לְגַבֵּיהּ**, וְכָאן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹרֵר אֶת הַמְקַטְרֵג עָלָיו, **דִּכְתִיב** (איוב א) **הֲשַׂמְתָּ לִבְּךָ עַל עַבְדִּי אִיּוֹב**. בִּזְמַן שֶׁהַשָּׂטָן לֹא דִּבֵּר בִּכְלַל מִמֶּנּוּ, **אֲבָל רָזָא עֲמִיקָא אִיהוּ** אֲבָל (יִסּוּרֵי אִיּוֹב) סוֹד עָמוֹק הוּא כִּדְמְפָרֵשׁ וְאָזֵיל, כִּי בְּנֵי אִיּוֹב חָטְאוּ בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, וְעַל כֵּן נִמְשְׁכָה הָעָרְלָה וְכִסְתָה אֶת בְּרִית קוֹדֶשׁ, וְאִיּוֹב לֹא הָיָה מַקְרִיב עֲלֵיהֶם רַק עוֹלוֹת, שֶׁאֵין בָּהּ שׁוּם חֵלֶק לְסִטְרָא אַחְרָא, וְאִם הָיָה מַקְרִיב שְׁלָמִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם חֵלֶק עֲצָמוֹת לִכְלָבִים, הָיְתָה הַסִּטְרָא אַחְרָא מִסְתַּפֶּקֶת בָּזֶה, אֲבָל כֵּיוָן שֶׁהִקְרִיב רַק עוֹלוֹת, לֹא הָיָה לְסִטְרָא אַחְרָא שׁוּם חֵלֶק בָּזֶה לְשַׁחְדָם, וְהָיוּ מִתְאַחֲזִים לִינֹק מִן הַמִּקְדָּשׁ וְכִסְתָה הָעָרְלָה אֶת בְּרִית הַקּוֹדֶשׁ, לָכֵן עוֹרֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הַשָּׂטָן לְהַשְׂטִין עָלָיו, כִּי רָצָה לְטַהֵר אֶת הַקּוֹדֶשׁ, וְעַל יְדֵי שֶׁהִתְעַסֵּק עִם אִיּוֹב, נִבְדָּל מִן הַקּוֹדֶשׁ:

## יוסף לחק

### הלכה

## הלכה (רמב״ם הלכות קריאת שמע פרק ב)

**א.** אִם הָיָה מָקוֹם גָּבוֹהַּ מֵהֶן (מִצוֹאָה וּמֵי רַגְלַיִם) עֲשָׂרָה טְפָחִים אוֹ נָמוּךְ מֵהֶם עֲשָׂרָה טְפָחִים

### ביאור הלכה

**א. אִם הָיָה מָקוֹם גָּבוֹהַּ מֵהֶן (מִצוֹאָה וּמֵי רַגְלַיִם) עֲשָׂרָה טְפָחִים אוֹ נָמוּךְ מֵהֶם עֲשָׂרָה טְפָחִים** אויב דער מענטש איז געשטאנען אויף אן ארט וואס איז העכער (פון די צואה און פון די מי רגלים) צען טפחים אדער ער איז

## הלכה (רמב"ם הלכות קריאת שמע פרק ב)

יוֹשֵׁב בְּצַד הַמָּקוֹם וְקוֹרֵא, שֶׁהֲרֵי נִפְסַק בֵּינֵיהֶן, וְהוּא שֶׁלֹּא יַגִּיעַ לוֹ רֵיחַ רָע. וְכֵן אִם כָּפָה כְּלִי עַל הַצּוֹאָה אוֹ עַל מֵימֵי רַגְלַיִם, אַף עַל פִּי שֶׁהֵן עִמּוֹ בַּבַּיִת הֲרֵי אֵלּוּ כִּקְבוּרִין, וּמֻתָּר לִקְרוֹת כְּנֶגְדָּן.

**ב.** הָיָה בֵּינוֹ וּבֵין הַצּוֹאָה מְחִיצָה שֶׁל זְכוּכִית, אַף עַל פִּי שֶׁהוּא רוֹאֶה אוֹתָהּ מֵאֲחוֹרֵי הַזְּכוּכִית מֻתָּר לִקְרוֹת בְּצִדָּהּ. נָתַן רְבִיעִית מַיִם לְתוֹךְ מֵי רַגְלַיִם שֶׁל פַּעַם אַחַת מֻתָּר לִקְרוֹת עִמָּהֶן בְּתוֹךְ אַרְבַּע אַמּוֹת.

### ביאור הלכה

געוועזן נידריגער פון זיי מיט צען טפחים קומט אויס אז ער איז נישט אין איין ארט מיט די צואה **יוֹשֵׁב בְּצַד הַמָּקוֹם וְקוֹרֵא** מעג דער מענטש זיצן נעבן דעם ארט און ליינען קריאת שמע **שֶׁהֲרֵי נִפְסַק בֵּינֵיהֶן** ווייל עס איז דאך אפגעטיילט צווישן דעם מענטש און די צואה, **וְהוּא שֶׁלֹּא יַגִּיעַ לוֹ רֵיחַ רָע** און דאס מעג מען נאר אויב עס וועט נישט אנקומען צו אים קיין שלעכטער ריח, **וְכֵן אִם כָּפָה כְּלִי עַל הַצּוֹאָה אוֹ עַל מֵימֵי רַגְלַיִם** און אזוי איז אויך אויב ער האט איבערגעדעקט מיט א כלי די צואה און די מי רגלים **אַף עַל פִּי שֶׁהֵן עִמּוֹ בַּבַּיִת** אפילו זיי זענען מיט אים אין זעלבן שטוב **הֲרֵי אֵלּוּ כִּקְבוּרִין** איז גלייך ווי דאס וואלט געווען באגראבן **וּמֻתָּר לִקְרוֹת כְּנֶגְדָּן** און מען מעג ליינען קריאת שמע קעגן זיי.

**ב. הָיָה בֵּינוֹ וּבֵין הַצּוֹאָה מְחִיצָה שֶׁל זְכוּכִית** אויב צווישן דעם מענטש און די צואה איז געווען א אפצוימונג פון גלאָז אדער האט ער דאס איבערגעדעקט מיט א גלאזערנע כלי **אַף עַל פִּי שֶׁהוּא רוֹאֶה אוֹתָהּ מֵאֲחוֹרֵי הַזְּכוּכִית** כאטש ער זעט די צואה דורך די גלאז **מֻתָּר לִקְרוֹת בְּצִדָּהּ** מעג ער שטיין נעבן די גלאזערנע וואנט און ליינען קריאת שמע ווייל די תורה האט נאר געהייסן מען זאל צודעקן די צואה, ווי ס'שטייט אין פסוק (דברים כג, יד) 'ושבת וכסית את צאתך'. **נָתַן רְבִיעִית מַיִם לְתוֹךְ מֵי רַגְלַיִם שֶׁל פַּעַם אַחַת** אויב ער האט אריינגעגאסן א רביעית וואסער אין די מי רגלים וואס מען האט נאר איין מאל דארט משתין געווען **מֻתָּר לִקְרוֹת עִמָּהֶן בְּתוֹךְ אַרְבַּע אַמּוֹת** מעג ער ליינען קריאת שמע אין דעם זעלבן ארט וואו די מי רגלים געפינט זיך אפילו ער שטייט אין די פיר איילן פון די מי רגלים.

## מוסר

## מוסר (שערי קדושה ח"ב שער ד')

**שָׁאַל** רַבִּי עֲקִיבָא לְרַבִּי נְחוּנְיָא הַגָּדוֹל, בַּמֶּה הֶאֱרַכְתָּ יָמִים, אָמַר לוֹ מִיָּמַי לֹא קִבַּלְתִּי מַתָּנוֹת, וְלֹא עָמַדְתִּי עַל מִדּוֹתַי (מגילה כח.)

**וְאָמְרוּ** רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ר"ה יז.) רַב הוּנָא בַּר יְהוֹשֻׁעַ חָלַשׁ וְכוּ', וְאָמְרוּ לוֹ מַאי חָזִית, אָמַר לְהוּ הָכִי אָמַר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא הוֹאִיל וְלָא מוֹקֵי בְּמִלְּתָא, לָא תְקִימוּ בַּהֲדֵיהּ, שֶׁנֶּאֱמַר (מיכה ז, יח) 'נוֹשֵׂא עָוֺן וְעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע' וְכוּ'.

**וְאָמְרוּ** רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שבת קנב:) רַב נַחְמָן חָפַר תֵּל אֶחָד, וְהָיָה רַב אַחָא בַּר יֹאשִׁיָּה

### ביאור מוסר

**שָׁאַל רַבִּי עֲקִיבָא לְרַבִּי נְחוּנְיָא הַגָּדוֹל** רבי עקיבא האט געפרעגט ביי דעם גרויסן רבי נחוניא, **בַּמֶּה הֶאֱרַכְתָּ יָמִים** דורך וועלכן זכות לעבסטו אזוי לאנג, **אָמַר לוֹ** האט אים רבי נחוניא געזאגט **מִיָּמַי לֹא קִבַּלְתִּי מַתָּנוֹת** איך האב קיינמאל נישט גענומען קיין מתנה פון א מענטש, **וְלֹא עָמַדְתִּי עַל מִדּוֹתַי** און איך בין נישט געשטאנען אויף מיינע מדות, און נישט מקפיד געווען אויף א מענטש וואס האט זיך פארזינדיגט קעגן מיר, איך האב אייביג מבטל געווען מיין דעה קעגן די דעה פון אנדערע מענטשן (מגילה כח.).

**וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** און די רז"ל האבן געזאגט (ר"ה יז.) **רַב הוּנָא בַּר יְהוֹשֻׁעַ חָלַשׁ וְכוּ'** רב הונא בר יהושע איז אמאל קראנק געווארן, און איז אזוי שוואך געווארן ביז ער איז געווען נאנט צום טויט, און צום סוף איז ער צוריק געזונט געווארן, **וְאָמְרוּ לוֹ** האבן די חכמים אים געפרעגט **מַאי חָזִית** וואס האסטו געזען אין הימל ווען דו ביסט שוין געווען נאנט צום טויט, **אָמַר לְהוּ** האט זיי רב הונא געזאגט **הָכִי אָמַר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** אזוי האט הקב"ה געזאגט צו די מקטרגים, **הוֹאִיל וְלָא מוֹקֵי בְּמִלְּתָא לָא תְקִימוּ בַּהֲדֵיהּ** וויבאלד ער האט קיינמאל נישט מקפיד געווען אויף דער וואס האט געזינדיגט קעגן אים, זאלט איר אייך אויך נישט שטעלן קעגן אים און נישט מקפיד זיין אויף אים, און איר זאלט אים נישט שלעכטס טון, איר זאלט מבטל זיין אייערע טענות קעגן די רייד פון די מלאכים וואס זאגן גוטס אויף אים און ער זאל בלייבן לעבן, **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס'שטייט אין פסוק (מיכה ז, יח) **'נוֹשֵׂא עָוֺן וְעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע' וְכוּ'** דער אויבערשטער איז מוחל די עבירות פון דעם מענטש וואס ער איז אויך מוחל די עבירות וואס מען טוט צו אים.

**וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** און די רז"ל האבן געזאגט (שבת קנב:) **רַב נַחְמָן חָפַר תֵּל אֶחָד** רב נחמן האט געגראבן אין א בערגל ערד, **וְהָיָה רַב אַחָא בַּר יֹאשִׁיָּה**

## מוסר (שערי קדושה ח״ב שער ד׳)

קָבוּר שָׁם, וְרָאָהוּ קַיָּים בְּעַצְמוֹתָיו, אָמַר לֵיהּ מַאי הַאי, אָמַר לֵיהּ מִיָּמַי לֹא עָמַדְתִּי עַל מִדּוֹתַי, וְלֹא תָּפַסְתִּי בְּלִבִּי קִנְאַת חֲבֵירַי וְכוּ׳, שֶׁנֶּאֱמַר (משלי יד, ל) ׳וּרְקַב עֲצָמוֹת קִנְאָה׳.

**וְאָמְרוּ** רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תענית כה:) מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר שֶׁיָּרַד לִפְנֵי הַתֵּיבָה וְלֹא נַעֲנָה וְכוּ׳, וְיָרַד רַבִּי עֲקִיבָא וְנַעֲנָה, וְיָצְאַת בַּת קוֹל וְאָמְרָה, מִפְּנֵי שֶׁזֶּה מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו.

### ביאור מוסר

**קָבוּר שָׁם** און אונטער דעם בערגל איז געווען באגראבן רב אחא בר יאשיה, **וְרָאָהוּ קַיָּים בְּעַצְמוֹתָיו** האט רב נחמן געזען ווי רב אחא ליגט גאנץ מיט זיינע אלעביינער אזויווי מען וואלט אים יעצט באגראבן, **אָמַר לֵיהּ מַאי הַאי** האט רב נחמן אים געפרעגט פארוואס איז דאס אזוי אז דיינע ביינער זענען נישט פארפוילט געווארן, **אָמַר לֵיהּ** האט ער אים געענטפערט **מִיָּמַי לֹא עָמַדְתִּי עַל מִדּוֹתַי** איך האב זיך קיינמאל נישט געשטעלט אויף מיינע מדות, **וְלֹא תָּפַסְתִּי בְּלִבִּי קִנְאַת חֲבֵירַי וְכוּ׳** און איך האב קיינמאל נישט געהאלטן אין הארצן די קנאה אויף מיין חבר, איך האב קיינעם נישט מקנא געווען, **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס׳שטייט אין פסוק (משלי יד, ל) **׳וּרְקַב עֲצָמוֹת קִנְאָה׳** צוליב קנאה פוילן די ביינער.

**וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** און די רז״ל האבן געזאגט (תענית כה:), **מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר שֶׁיָּרַד לִפְנֵי הַתֵּיבָה וְלֹא נַעֲנָה וְכוּ׳** עס האט אמאל געטראפן רבי אליעזר האט זיך געשטעלט ביי דעם עמוד בעטן אויף רעגן און ער איז נישט געענטפערט געווארן, **וְיָרַד רַבִּי עֲקִיבָא וְנַעֲנָה** און נאכדעם איז רבי עקיבא צוגעגאנגען צום עמוד בעטן אויף רעגן און ער איז געענטפערט געווארן און עס איז געגאנגען רעגן, **וְיָצְאַת בַּת קוֹל וְאָמְרָה** איז ארויסגעגאנגען א בת קול פון הימל און געזאגט, אז דאס וואס רבי עקיבא איז געענטפערט געווארן מער פון רבי אליעזר, איז נישט ווייל רבי עקיבא איז גרעסער פון רבי אליעזר דעריבער איז אנגענומען געווארן זיין תפילה, **מִפְּנֵי שֶׁזֶּה מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו** נאר ווייל רבי עקיבא האט שטארק מבטל געווען זיין נאטור און איז נישט געשטאנען אויף זיינע מדות דעריבער איז אנגענומען געווארן זיין תפילה.

## כבוד שבת

**ויקחו אליך שמן זית זך** (כז, כ).

די אידן זאלן זיך לערנען א מוסר השכל פון משה רבינו און זיין מדת העניוות, וואס איז אזוי ווי שמן, וואס אין אנהויב איז גאנץ אונטן, דערנאך שווימט דאס ארויף אויפ׳ן אויבערפלאך. דאס איז דער רמז פון ויקחו ״אליך״, זיי זאלן זיך לערנען פון דיר, שמן זית זך, צו זיין ווי שמן זית. (ויקח משה)

◇

**ואתה תצוה** (כז, כ).

ו׳אתה ת׳צוה א׳ת ב׳ני, איז די זעלבע ר״ת פון ת׳ורה ו׳גדולה ב׳מקום א׳חד, מרמז צו זיין אז דער וועלכער לייגט זיך באמת אריין אין די טיפקייט פון די חכמת התורה, וואס איז מרומז אין שמן זית זך, דעם פעלט גארנישט אויך אויף די וועלט, און ער איז זוכה לשתי שולחנות.

(עטרת ישועה)

◇

**כתית למאור** (כז, כ).

כתית, מ׳דארף זיך ערשט צעשטויסען אלע נישט אויסגעהאלטענע תאוות, און דערנאך למאור, קען מען לייכטן. (הרה״ק מקוברין ז״ל)

**כתית למאור ולא כתית למנחות.** (רש״י כז, כ).

כתית, מ׳זאל מוסר זאגן, צעשטויסן די מדות רעות, למאור, מיט׳ן ציל צו מאכן לעכטיג, ולא כתית למנחות, און נישט צושטויסן אז מ׳זאל יענעם צעגרינד לייגן און דערנידערן. (הרה״ק רבי משה מקאזניץ ז״ל)

◇

**כתית למאור ולא כתית למנחות.** (רש״י כז, כ).

דער רמז קען זיין, אז פאר מאור התורה דארף מען זיך נישט שפארן געלט, נאר נעמען פון שענסטן און בעסטן. ביי מנחות, ביים עסן, דארף מען זיך באגענוגען מיט שוואכערן אויל. (ילקוט יודא)

◇

**בגדי קודש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת** (כח, ב).

אזוי ווי מיר געפינען, אז נאכ׳ן חטא פון אדה״ר, איז זייער תיקון צושטאנד געקומען דורך די בגדים מיט וואס הקב״ה האט זיי באקליידעט, דאס זעלבע איז דער תיקון פאר׳ן חטא העגל געווען דורך די בגדים וואס דער כהן גדול האט אנגעטאן. ד.מ. דער פסוק, דורך די בגדי כהונה, וועט זיין פאר אונז, ל״כבוד ולתפארת״, צו באשיינען אונזערע מעשים. (הרה״ק ר׳ גרשון העניך מראדזין)

## פניני אור החיים

**עוֹד** יִרְמֹז לְצַד כִּי הִגִּיעַ זְמַן תֵּת הַכְּהֻנָּה לְאַהֲרֹן בָּרַר ה׳ לְמֹשֶׁה הַמַּלְכוּת וְהִמְלִיכוֹ עַל יִשְׂרָאֵל, וְהוּא אוֹמְרוֹ תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרוֹ (ש״א יג) וַיְצַוֵּהוּ ה׳ לְנָגִיד וְגוֹ׳. וְהֲגַם שֶׁבְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אָמַר הַכָּתוּב לְעֵיל (ו יג) וַיְצַוֵּם אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וּפֵרַשְׁנוּ שָׁם שֶׁעֲשָׂאָם מוֹשְׁלִים בָּעָם, כָּאן יִחֵד מֹשֶׁה לְמַלְכוּת יִשְׂרָאֵל וְאַהֲרֹן כֹּהֵן. וְאוּלַי כִּי לָזֶה נִתְכַּוֵּן מַה שֶּׁאָמַר הַכָּתוּב (לְעֵיל טו ו) וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ, מַמְלֶכֶת חוֹזֵר אֶל מֹשֶׁה, כֹּהֲנִים אַהֲרֹן וּבָנָיו, וְגוֹי קָדוֹשׁ אֵלּוּ הַלְוִיִּם:

**וְאוּלַי** שֶׁיִּרְמֹז בְּאוֹמְרוֹ תְּצַוֶּה עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם ז״ל (זֹהַר ח״א פג) כִּי כָּל תַּלְמִיד חָכָם יֵשׁ לוֹ נִיצוֹץ מִנִּשְׁמַת מֹשֶׁה, וְלָזֶה רַבּוֹתֵינוּ ז״ל (סֻכָּה לט.) הָיוּ קוֹרְאִים זֶה לָזֶה מֹשֶׁה, כִּי הוּא זֶה הַמְדַבֵּר בִּבְחִינַת הַנֶּפֶשׁ הַלּוֹמֶדֶת תּוֹרָה, וְהוּא אוֹמְרוֹ וְאַתָּה תְּצַוֶּה עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרוֹ (תְּהִלִּים צא) כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ שֶׁהוּא לְשׁוֹן צַוְתָּא לִוּוּי לְאִישׁ יִשְׂרָאֵל הַנִּכְבָּדִים, וּכְבָר יָדַעְתָּ כִּי אֵין חֲשִׁיבוּת אֶלָּא בְּאֶמְצָעוּת עֵסֶק הַתּוֹרָה. וּבָחַר ה׳ לִרְמֹז רֶמֶז זֶה בְּמִצְוַת שֶׁמֶן, כִּי הוּא בְּחִינַת הַתּוֹרָה שֶׁהוּא אוֹר הָעוֹלָם.

## ביאור אור החיים

דער אוהחה״ק זאגט נאך א כוונה וואס דער פסוק וויל דא זאגן

**עוֹד יִרְמֹז** נאך איז דער פסוק מרמז **לְצַד כִּי הִגִּיעַ זְמַן תֵּת הַכְּהֻנָּה לְאַהֲרֹן** וויבאלד עס האט דערגרייכט ביים אויפשטעלן די משכן די צייט פון געבן די כהונה פאר אהרן **בָּרַר ה׳ לְמֹשֶׁה הַמַּלְכוּת** האט השי״ת אויסגעקליבן פאר משה דאס קעניגרייך **וְהִמְלִיכוֹ עַל יִשְׂרָאֵל** און ער האט אים געקעניגט אויף די אידן. **וְהוּא אוֹמְרוֹ** און דאס איז וואס דער פסוק זאגט **תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** ׳דו׳ וועסט קעניגן אויף די אידן, **עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרוֹ** לויט וואס דער פסוק זאגט ווען השי״ת האט אויסגעקליבן דוד המלך צו קעניגן איבער די אידן **וַיְצַוֵּהוּ ה׳ לְנָגִיד וְגוֹ׳** און השי״ת האט אים באשטימט פאר א פירער.

דער אוהחה״ק ערקלערט וואס דער פסוק לייגט דא צו, מער ווי אין מצרים וואס זיי זענען שוין געשטעלט געווארן אלץ קעניג

**וַהֲגַם שֶׁבְּאֶרֶץ מִצְרַיִם** און כאטש אין לאנד מצרים **אָמַר הַכָּתוּב לְעֵיל וַיְצַוֵּם אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** האט דער פסוק געזאגט אויבן ויצום אל בני ישראל, **וּפֵרַשְׁנוּ שָׁם** און מיר האבן דארט ערקלערט די כוונה פון די ווערטער **שֶׁעֲשָׂאָם מוֹשְׁלִים בָּעָם** אז השי״ת האט זיי געמאכט געוועלטיגער אויף דעם פאלק אז משה און אהרן זאלן געוועלטיגן אויף די אידן, איז דאך משה שוין געקרוינט געווארן איבער די אידן פאר א לאנגע צייט צוריק **כָּאן יִחֵד מֹשֶׁה** דא האט השי״ת געאיינציגט משה רבינו **לְמַלְכוּת יִשְׂרָאֵל** פאר די קעניגרייך פון די אידן, **וְאַהֲרֹן כֹּהֵן** און אהרן האט השי״ת געשטעלט אלץ כהן.

דער אוהחה״ק ערקלערט לויט דעם א פסוק אין פרשת יתרו

**וְאוּלַי** און ס׳קען זיין **כִּי לָזֶה נִתְכַּוֵּן מַה שֶּׁאָמַר הַכָּתוּב** אז צו דעם האט אינזין געהאט דאס וואס דער פסוק האט געזאגט פאר מתן תורה, **וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי** און איר וועט זיין צו מיר **מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ** א קעניגרייך פון כהנים און א הייליגע פאלק, קען מען לערנען פשט אז וואס דער פסוק זאגט **מַמְלֶכֶת** א קעניגרייך **חוֹזֵר אֶל מֹשֶׁה** גייט ארויף אויף משה אז ער וועט קעניגן איבער די אידן, און דאס וואס דער פסוק זאגט **כֹּהֲנִים** ׳כהנים׳ גייט ארויף אויף **אַהֲרֹן וּבָנָיו** אהרן און זיינע זין און דאס וואס דער פסוק פירט אויס **וְגוֹי קָדוֹשׁ** און א הייליג פאלק **אֵלּוּ הַלְוִיִּם** דאס זענען די לויים.

דער אוהחה״ק ערקלערט א רמז אין דעם פסוק

**וְאוּלַי שֶׁיִּרְמֹז** און ס׳קען זיין אז דער פסוק איז מרמז **בְּאוֹמְרוֹ תְּצַוֶּה** זאגנדיג תצוה, **עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם ז״ל** לויט וואס חז״ל זאגן **כִּי כָּל תַּלְמִיד חָכָם** אז יעדע תלמיד חכם **יֵשׁ לוֹ נִיצוֹץ** איז פאראנען אין אים א פינק **מִנִּשְׁמַת מֹשֶׁה** פון די נשמה פון משה רבינו, **וְלָזֶה רַבּוֹתֵינוּ ז״ל הָיוּ קוֹרְאִים זֶה לָזֶה מֹשֶׁה** און צוליב דעם האבן זיך חז״ל אונזערע רבי״ס גערופן איינעם דעם צווייטן ׳משה׳[א], **כִּי הוּא זֶה הַמְדַבֵּר** ווייל משה איז דער וואס רעדט **בִּבְחִינַת הַנֶּפֶשׁ הַלּוֹמֶדֶת תּוֹרָה** מיט די בחינה פון דער נפש וואס לערנט תורה וויבאלד אינעם תלמיד חכם איז פאראנען א ניצוץ פון משה רבינו. **וְהוּא אוֹמְרוֹ וְאַתָּה תְּצַוֶּה** און דאס איז וואס דער פסוק זאגט ׳ואתה תצוה׳, **עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרוֹ** לויט וואס דער פסוק זאגט **כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ** אז זיינע מלאכים וועט ער באהעפטן צו דיר **שֶׁהוּא לְשׁוֹן צַוְתָּא** וואס דאס דער לשון ׳יצוה/תצוה׳ איז א לשון פון באהעפטן זאגט השי״ת פאר משה: דו וועסט זיין **לִוּוּי** א באהעפטונג **לְאִישׁ יִשְׂרָאֵל הַנִּכְבָּדִים** צו די מכובד׳יגע מענטש פון די אידן אז זיי וועלן פארמאגן א ניצוץ פון דיר, **וּכְבָר יָדַעְתָּ** און דו ווייסט שוין **כִּי אֵין חֲשִׁיבוּת** אז עס איז נישטא קיין חשיבות **אֶלָּא בְּאֶמְצָעוּת עֵסֶק הַתּוֹרָה** נאר דורכן עוסק זיין אין תורה, ממילא זענען אנשים נכבדים די וואס זענען עוסק אין תורה, וואס צו זיי באהעפט זיך משה רבינו.

דער אוהחה״ק ערקלערט פארוואס דער זאך איז מרומז דוקא דא

**וּבָחַר ה׳ לִרְמֹז רֶמֶז זֶה** און השי״ת האט אויסגעוועלט מרמז צו זיין דעם רמז אז משה רבינו וועט זיך באהעפטן צו די אידן וואס לערנען תורה **בְּמִצְוַת שֶׁמֶן** ביי די מצוה פון אויל פאר די מנורה, **כִּי הוּא בְּחִינַת הַתּוֹרָה** ווייל די אויל איז די בחינה פון תורה **שֶׁהוּא אוֹר הָעוֹלָם** וואס די תורה איז די ליכטיגקייט פון די וועלט און אויל באלייכט, דערפאר ווייזט אויל אויף די אור תורה.

---

**א.** זעה אין גמרא (שבת קא:; סוכה לט.) אז רב ספרא האט געזאגט פאר רבא ׳משה שפיר קאמרת׳, ווי אויך צו רב אושעיא זעט מען אז ער האט געזאגט דעם לשון (ביצה לח:).